ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# מקץ

אידיש

**810**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק יט-כ

## • מקץ •

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

דער חוב וואָס ליגט אויפין מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי״ג מצוות און קענען זייערע הלכות.

דער חוב צו דאַווענען ״שמונה-עשרה״ מיט כוונה.

דער ענין פון שכר ועונש, גיהנום און גן עדן.

דער **״שפתי צדיק״** - פילצער רבי זי״ע, שרייבט אין זיין צוואה: ״יעדער זאל לערנען מיט זיינע קינדער דעם ספר ״קב הישר״ א סך מאל, כדי עס זאל אריינגיין אין זייערע הערצער מוסר און צניעות״.

# אינהאַלט
## פון פרקים יט-כ


**א.** אין פרק יט ווערט ערקלערט דער חוב וואָס ליגט אויפן מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי״ג מצוות און קענען זייערע הלכות ............ ט

**ב.** אויב דער מענטש פאַרפעלט אַפילו איין מצוה, דאַרף זיין נשמה נאָך אַמאָל מגולגל ווערן ח״ו משלים צו זיין וואָס זי האָט פריער נישט דערפילט............ ט

**ג.** אַ מענטש זאָל זיך נישט פוילן צו לערנען יעדן טאָג און מקיים זיין די מצוות, ווי ווייט מעגלעך, ווייל ווער ווייסט וואָס ס׳וואַרט אויף אים... ............ י

**ד.** 30 טעג פאַר די פטירה גייט די נשמה אַרויף יעדע נאַכט אין הימל............ י

**ה.** די צורה פון מענטש ווערט פינסטער און זיין שאָטן טוט זיך אָפּ פון אים............ יא

**ו.** פאַרוואָס ביזטו היינט מער טרויעריג פון אַלע טעג?............ יא

**ז.** זאָלסט נאָכזאָגן מיינע פשטים, הלכות און סודות; זאָלסט האַלטן מיין זון ביים לערנען; זאָלסט מתפלל זיין פאַר מיר אויף מיין קבר גאַנץ ״שבעה״............ יא

**ח.** ווען איך וויל זען מיין שאָטן - זע איך אים נישט... ............ יא

**ט.** זאָלסטו אויסדערוויילן מיין אָרט לעבן דיר, אַזוי ווי מיר זענען געווען חברים אויף דער וועלט............ יב

**י.** מיר זאָלן זיך די דרייסיג טעג אויך נישט צעשיידן............ יב

**יא.** דער וואָס איז געוואוינט שטענדיג אַריינצוגיין צו מיר, זאָל היינט אויך אַריינגיין, אָבער דער וואָס איז נישט

געוואוינט אַריינצוגיין, דער זאָל הײַנט אויך נישט אַריינגיין ........................ יב

**יב.** זעץ דיך ביי דער טיר, און וועמען דו וועסט זען זאָלסטו נישט רעדן מיט אים, און אויב ער וועט וועלן אַריינגיין זאָלסטו אים באַשווערן אַז ער זאָל נישט אַריינגיין ........................ יג

**יג.** אין דער צייט ווען אַ מענטש דאַרף שטאַרבן קומען צו אים זיין פאָטער און זיינע קרובים און ער דערקענט זיי, און אַלע זיינע חברים זאַמלען זיך איין צו באַהעפטן זיך מיט אים ........................ יג

**יד.** האַר פון דער וועלט, לאָז רבי יצחקן בלייבן ביי אונז, ווייל ער איז איינער פון די זיבן אויגן וואָס לייכטן אויף דער וועלט ........................ יג

**טו.** רבי יצחק איז דיר געשענקט, ער בלייבט לעבן ביזן טאָג ווען דו וועסט נסתלק ווערן, דעמאָלטס זאָלסטו קומען מיט אים ........................ יד

**טז.** וואו רבי שמעון בר יוחאי געפינט זיך האָב איך נישט קיין רשות אויסצופירן אַ גזר דין ........................ יד

**יז.** מ׳האָט דאָרט געמאַכט פענסטער פאַר דיינעט וועגן, כדי די ליכט פון אויבערשטן זאָל אויף דיר שיינען פון אַלע פיר זייטן ........................ יד

**יח.** ווען רבי שמעון בר יוחאי וועט נפטר ווערן דעמאָלטס וועסטו אָנגרייטן זיין טיש ........................ טו

**יט.** רבי שמעון בר יוחאי האָט דערקענט אויף רבי יצחק אַז ער האָט געהערט עפּעס נייעס ........................ טו

**כ.** דער אויבערשטער האָט מיך צוגענומען פון דער האַנט פונעם מלאך המות ........................ טז

**כא.** השי״ת זאָל אים אַרויסציען פון ״פרידן צו פרידן״ ........................ טז

**כב.** פון פרידן פון די צדיקים צום פרידן פון די מלאכים ........................ טז

**כג.** אין פרק כ׳ ווערט דערקלערט דער חוב צו דאַוונען ״שמונה - עשרה״ מיט כוונה ........ י״ח
**כד.** דער זכות פון די אבות: אברהם, יצחק און יעקב איז זייער גרויס, און אונזער קיום ווענט זיך אין זייער תפלה ........ י״ח
**כה.** די הערצער פון מענטשען זענען פאַרשטאָפּט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דער וועלט, און ווי אַ זוי השם יתברך געפינט זיך מיט זיי שטענדיג ........ י״ח
**כו.** דריי מאָל אַ טאָג קומט אַריין אַ ווינט אין דער מערת המכפלה און דערוועקט די אבות הקדושים מתפלל צו זיין פאַר זייערע קינדער ........ י״ט
**כז.** דריי מאָל אַ טאָג גיסט אליהו הנביא וואַסער אויף די הענט פון די אבות איידער זיי זענען מתפלל ........ י״ט
**כח.** וואַשן זיך די הענט איידער מ׳דאַוונט, שאַפט זיך אַ כוח הקדושה ........ י״ט
**כט.** אַ סגולה אין אַן עת צרה ח״ו, צו דערמאנען מיט גרויס כוונה די אבות הקדושים אין דער תפילה ........ כ
**ל.** אַ מענטש וואָס נייגט אָפּ פון ריכטיגן וועג און פירט זיך נישט בדרך אבותינו, איז כדאַי פאַרשעמט צו ווערן נאָכדעם וואָס זיין נשמה טיט זיך אָפּ פון אים ........ כ
**לא.** פון אַלע מצוות ווערט אַ טייערער מלבוש פאַר דער נשמה אויף דער וועלט, און אין עולם הבא ........ כ״א
**לב.** די רוחניות׳דיקע קליידער וואָס אַ מענטש שאַפט פאַר זיך פון זיינע מצוות, לייכטן אין גן עדן נאָך ביי זיין לעבן ........ כ״א
**לג.** יעדן טאָג זיצן אין גן עדן, שורות ווייז, די נשמות פון צדיקים מיט זייערע לבושים און לויבן השם יתברך מיט געהויבענעם כבוד ........ כ״ב

לד. אַלע זייערע גוטע מעשים ווערן אין זייערע אויגן גערעכענט ווי אַ טראָפּן פון ים אַנטקעגן זייערע עבירות.......... כב
לה. די צדיקים ווען זיי זעען אַ חילול השם זענען זיי מוכיח און אין האַרץ זענען זיי מתפלל השם יתברך זאָל נייגן די הערצער פון רשעים צום גיטן.......... כב
לו. ווען זיי גייען אַריין אין פייער זאָגן זיי, דאָס איז געוויס דער גיהנום. ווען זיי גייען אַריין אין שניי זאָגן זיי, דאָס איז די קעלט פון דעם ווינטער.......... כג
לז. די וואָס האַלטן די מצוות פאַרוייז, מילה און פריעה, ציצית און תפילין, מזוזה און נר חנוכה.......... כד
לח. האָט דער אַלטער געזאָגט, איך וויל נישט, ווייל איך בין אַלט און דו ביזט יונג, קענסטו דאָך בעסער גיין פון מיר.......... כד
לט. פאַרוואָס האָסטו מיך געהייסן זאָגן אַ פסוק? - כדי דער וועג זאָל נישט זיין אומעטיק!.......... כד
מ. דו האָסט ריכטיג געטוהן. גיי מיט אונז, און לאָמיר זיך דאָ זעצן, וועלן מיר הערן דברי תורה פון דיין מויל.......... כה
מא. יעדער איינער וואָס זעט שלעכטע מעשים פון רשעים און שטראָפט זיי נישט מיט מוסר רייד, איז עובר אויף דריי לאווין.......... כה
מב. געלויבט איז דער אויבערשטער אַז מיר האָבן זוכה געווען דאָס צו הערן, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס די דאָזיגע ווערטער זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן.......... כו
מג. דער אויבערשטער האָט גענומען דעם שם י״ה און אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט ״עירה״ וואָס עס וואָלט געדאַרפט שטיין ״עיר״, נאָר כדי עס זאָל זיין דער אות ה״א פון דעם שם י״ה אין דעם וואָרט ״עיר״.......... כז

**מד.** עס וואָלט בעסער געווען פאַר דעם קינד ווען ער זאָל נישט וויסן אַזוי פיל סודות ........ כז

**מה.** אין דער צייט ווען מיין פאָטער איז נסתלק געוואָרן האָט ער מיך געבענטשט און געבעטן דעם אויבערשטן, איך זאָל אויסלעבן אַלע מיינע יאָרן, און איך ווייס אַז דער זכות פון מיין פאָטער וועט שיצן אויף מיר ........ כח

**מו.** זיי האָבן אים גענומען און געטראָגן אויף זייערע אַקסל דריי מייל, און זיי האָבן אים געבענטשט ........ כח

**מז.** דער זכות פון דער תורה פון רבי המנונא סבא, און דער זכות פון זיין אייגענע תורה, וועט אויף אים זיכער באַשיצן אַז ער זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן ........ כט

**מח.** אונטערוועגנס דאַרף מען זיך באַהעפטן נאָר מיט תלמידי חכמים ........ כט

**מט.** די גרויסע עניוות פון רבי יהודה און רבי יצחק, וואָס האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין אינגל ........ כט

**נ.** הוספה לפרק כ׳ ........ ל

**נא.** די מעלה פון די צדיקים וואס זענען מקנא קנאת ה׳, ........ ל

**נב.** אזוי ווי אליהו מלאך הברית ........ ל

**נג.** הוספה לפרק כ׳ - בענין שכר ועונש ........ לב

**נד.** גיהנום וגן עדן, ונהר דינור {פון ספר הקדוש שבט מוסר פרק כו} ........ לב

**נה.** דער ענין פון גיהנם, עס איז דאָ וואָס דאַרפן נאָר אָפּגעשווענקט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויך געיכשר׳ט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויסגעגליהט ווערן, אויך איז דאָ וואָס האָבן נישט קיין תקנה אַזוי ווי ערדענע כלים. - פון ספר נשמת חיים. ........ לג

**נו.** די שטראָף פונעם גוף מיט די נשמה אין גיהנם ........ לה

**נז.** וואָס איז דער אונטערשטער גיהנום ........ לו

נח. אַ טייל פון די לעבעדיגע מענטשן וואָס האָבן געזען די טיר פון גיהנם וואָס איז אין אַ ווייטער מדבר און די טיר פון גיהנם וואָס איז אין ים וכו׳ ........ לו

נט. די גיהנם פון אויבן איז דער נהר-דינור, און אויך די בושה און צער וואָס ער האָט פון דעם וואָס דער חובר איז העכער פון אים ........ לז

ס. עס איז דאָ אַ גן-עדן אויך דאָ אויף דער ערד, און דאָס האָט רבה בר אבוה געזען ווען אליהו האָט אים ארומגעפירט און ר׳ יהושע בן לוי ווען דער מלאך-המות האָט אים געפירט. - דער ענין פון עסן און טרינקען אין גן עדן, זענען רוחניות׳דיגע תענוגים........ לח

סא. דער ענין פון אויבערשטן גן-עדן ........ לט

סב. מסכת גיהנם פון בעל ראשית-חכמה ........ לט

סג. עס איז דאָ זיבן מיני גיהנם, יעדע גיהנם האָט זיבן מדורים וכו׳. ........ מ

סד. אַ מענטש האָט אַ בחירה צו זיין אַ צדיק, ווייל מען האָט נישט גוזר געווען אויף אים אַז ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע. ........ מא

סה. מסכת חיבוט הקבר ........ מב

סו. פון ספר ראשית חכמה פי״ב בשם כמה ספרי ראשונים ........ מב

סז. וואָס זאָל דער מענטש טוהן אַז ער זאָל גערַאטעוועט ווערן פון דין הקבר? ........ מד

סח. מסכת גיהנום ........ מו

סט. תוכחת מוסר פון רבינו בחיי החסיד (מסוף ספר הקדוש חובת הלבבות) ........ ס

❖ ❖ ❖

# פרק יט

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער חוב וואָס ליגט אויפ'ן מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי"ג מצוות און קענען זייער'ג הלכות

**א. תּוֹרַת ה'** תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ (תהלים יט, ח). וויבאַלד דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געגעבן רשות צו יעדן איד צו טייטשן די הייליגע פסוקים פון תנ"ך לויט זיין פאַרשטאַנד, אַזוי ווי דער האַמער וואָס צעהאַקט דעם שטיין, דעריבער קען מען זאָגן אַז די כוונה פון דאָזיגן פסוק איז אונז צו לאָזן וויסן, אַז ווייל די תורה פון אויבערשטן איז גאַנץ, און עס פעלט נישט אין איר אַפילו איין אבר פון די תרי"ג מצוות, דעריבער ליגט אויפן מענטשן אַ פליכט מקיים צו זיין אַלע 613 מצוות, וואָס זיי זענען קעגן זיינע איברים, וואָס ער איז מחוייב צו טוהן זאָל ער נישט פאַרפעלן זיי מקיים זיין, און אויך לערנען די הלכות פון די מצוות, און דאַן דערגאַנצט ער די תורה פון אויבערשטן, וואָס זי איז גאַנץ.

## אויב דער מענטש פאַרפעלט אַפילו איין מצוה, דאַרף זיין נשמה נאָך אַמאָל מגולגל ווערן ח"ו משלים צו זיין וואָס זי האָט פריער נישט דערפילט

**ובעבור כן,** און וועגן דעם, אויב דער מענטש איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט און האָט נישט משלים געווען אַלע זיינע איברים דורך מקיים זיין אַלע מצוות און לערנען זייערע הלכות, איז די תורה אין דער בחינה פון "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ", אַז די נשמה וועט דאַרפן מגולגל ווערן נאָך אַמאָל צו קומען אויף דער וועלט, און וועט מ'זן מגולגל ווערן אין אַן אַנדערן מענטש, כדי ער זאָל משלים זיין דעם חסרון וואָס דער ערשטער האָט פאַרפעלט.

## אַ מענטש זאָל זיך נישט פוילן צו לערנען יעדן טאָג און מקיים זיין די מצוות, ווי ווייט מעגלעך, ווייל ווער ווייסט וואָס ס'וואַרט אויף אים...

**ב. ובהיות כן,** און ווייל עס איז יאָ אַזוי, דאַרף דער מענטש אַליין פאַרשטיין אַז ער זאָל זיך נישט פוילן צו לערנען תורה יעדן טאָג און מקיים זיין די מצוות ווי ווייט מעגלעך, ווייל ווער ווייסט וואָס עס וואַרט אויף אים. ווייל דער מענטש איז אונגוזן און די כרוזים ווערן אויסגערופן אויפן הימל, און דער מענטש הערט דאָס נישט אַז ער זאָל וויסן זיך צוצוגרייטן, און ווען דער כרוז גייט אַרויס און ווערט אויסגערופן אויבן אין הימל, זענען די טעג נאָענט ווען די נשמה וועט זיך טיילן פונעם גוף און פלוצלונג ווערט דער גזר דין אויסגעפירט דורך יסורים און ווייטאג פון זיין גוף וואָס שטאַרקן זיך אויף אים, און וואָס האָט ער דעמאָלטס פון זיין גאַנץ געלט ווען ער האָט זיך פריער נישט אָנגעגרייט גוטע מעשים.

## 30 טעג פאַר די פטירה גייט די נשמה אַרויף יעדע נאַכט אין הימל

**ג. ואיתא בזוהר,** און עס שטייט אין זוהר פרשת ויחי (דף ר"ז עמוד ב') דרייסיג טעג איידער דער מענטש שטאַרבט, רופט מען אויף אים אויס אין גן עדן, גרייט אָן אַ צימער פאַר דעם דאָזיגן מענטשן.

**מיר** האָבן געלערנט, אַלע דרייסיג טעג גייט די נשמה אַרויס פון דעם מענטש יעדער נאַכט און גייט אַרויף, און זעט איר אָרט אויף יענער וועלט און דער מענטש ווייסט גאָרנישט, און דער מענטש געוועלטיגט נישט אין זיין נשמה די דרייסיג טעג אַזוי ווי ער האָט פריער געוועלטיגט אין איר.

## די צורה פון מענטש ווערט פינצטער און זיין שאָטן טוט זיך אָפּ פון אים

**רבי** יהודה זאָגט, אין די דאָזיגע דרייסיג טעג ווערט פינצטער די צורה פון דעם מענטשן און זיין שאָטן גייט אַוועק.

## פאַרוואָס ביזטו היינט מער טרויעריג פון אַלע טעג?

**ד. רבי יצחק,** רבי יצחק איז איין טאָג געזעסן ביי דער טיר פון רבי יהודה און ער איז געווען טרויעריג. ווען רבי יהודה איז אַרויסגעגאַנגען און געזעהן ווי רבי יצחק זיצט אַזוי טרויעריג, האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס ביזטו היינט מער טרויעריג פון אַלע טעג?

## זאָלסט נאָכזאָגן מיינע פשטים, הלכות און סודות; זאָלסט האַלטן מיין זון ביים לערנען; זאָלסט מתפלל זיין פאַר מיר אויף מיין קבר גאַנץ "שבעה"

**האָט רבי יצחק** צו אים געזאָגט: איך בין געקומען צו דיר בעטן פון דיר דריי זאַכן. איינס איז, מיינע פשטים און הלכות און סודות וואָס איך האָב מחדש געווען זאָלסטו זיי נאָכזאָגן פון מיינעט וועגן, כדי מיין נאָמען זאָל דערמאנט ווערן; דאָס אַנדערע איז, דו זאָלסט מיין זוהן יוסף האַלטן ביים לערנען; און דאָס דריטע איז, דו זאָלסט גיין אויף מיין קבר גאַנץ "שבעה" און דו זאָלסט מתפלל זיין פאַר מיר.

## ווען איך וויל זען מיין שאָטן - זע איך אים נישט...

**האָט רבי יהודה** אים געפרעגט, פון וואַנעט ווייסטו אַז דו וועסט שטאַרבן? האָט רבי יצחק אים געענטפערט, ווייל יעדע נאַכט גייט מיין נשמה ארויף בישיבה של מעלה און די חלומות לייכטן מיר נישט אַזוי ווי פריער, און ווען איך דאַווען און קום אָן צו "שומע תפלה" וויל איך זען מיין שאָטן און איך זע אים נישט, דעריבער

ווייס איך אַז מען האָט אַוודאי אויסגערופן אין הימל אַז איך זאָל שטאַרבן.

## זאָלסטו אויסדערוויילן מיין אָרט לעבן דיר, אַזוי ווי מיר זענען געווען חברים אויף דער וועלט

**ה. אמר ליה,** האָט רבי יהודה צו אים געזאָגט: די אַלע זאַכן וואָס דו בעטסט מיך וועל איך טוהן, נאָר איך בעט דיך דו זאָלסט זיך נישט אָפּשיידן פון מיר; אויף יענע וועלט זאָלסטו אויסדערוויילן מיין אָרט לעבן דיר, אַזוי ווי מיר זענען געווען חברים אויף דער וועלט.

## מיר זאָלן זיך די דרייסיג טעג אויך נישט צעשיידן

**רבי יהודה** האָט געוויינט און האָט געזאָגט צו רבי יצחק: איך בעט פון דיר מיר זאָלן זיך די דרייסיג טעג אויך נישט צעשיידן, און לאָמיר גיין זיצן פאַר רבי שמעון בר יוחאי.

## דער וואָס איז געוואוינט שטענדיג אַריינצוגיין צו מיר, זאָל היינט אויך אַריינגיין, אָבער דער וואָס איז נישט געוואוינט אַריינצוגיין, דער זאָל היינט אויך נישט אַריינגיין

**ו. אזלו כחדא,** זענען זיי צוזאַמען געגאַנגען צו רבי שמעון בר יוחאי, און זיי האָבן אים געטראָפן לערנען תורה. האָט רבי שמעון בר יוחאי זיך אויפגעשטעלט און האָט געזען ווי דער מלאך המות טאַנצט און שפּרינגט פאַר רבי יצחק. האָט רבי שמעון בר יוחאי אָנגענומען רבי יצחק ביי זיין האַנט, און האָט געזאָגט: איך בין גוזר אַז דער וואָס איז געוואוינט שטענדיג אַריינצוגיין צו מיר, זאָל היינט אויך אַריינגיין, אָבער דער וואָס איז נישט געוואוינט אַריינצוגיין, דער זאָל היינט אויך נישט אַריינגיין. דאָס האָט ער געמיינט אַז דער מלאך המות זאָל נישט אַריינגיין.

**זעץ דיך ביי דער טיר, און ווען דו וועסט זעהן זאָלסטו נישט רעדן מיט אים, און אויב ער וועט וועלן אַריינגיין זאָלסטו אים באַשווערן אַז ער זאָל נישט אַריינגיין**

**זענען** רבי יהודה און רבי יצחק אַריינגעגאַנגען און דער מלאך המות איז געבליבן שטיין אינדרויסן. רבי שמעון בר יוחאי האָט געזען מיט רוח הקודש אַז רבי יצחק האָט נאָך צו לעבן ביז די אַכט שעה אויפן טאָג, האָט רבי שמעון בר יוחאי געזעצט רבי יצחק לעבן זיך און זיי האָבן געלערנט תורה. האָט רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט צו זיין זוהן רבי אלעזר, זעץ דיך ביי דער טיר, און ווען דו וועסט זעהן זאָלסטו נישט רעדן מיט אים, און אויב ער וועט וועלן אַריינגיין זאָלסטו אים באַשווערן אַז ער זאָל נישט אַריינגיין.

**אין דער צייט ווען אַ מענטש דאַרף שטאַרבן קומען צו אים זיין פאָטער און זיינע קרובים און ער דערקענט זיי, און אַלע זיינע חברים זאַמלען זיך איין צו באַהעפטן זיך מיט אים**

**דאַן** האָט רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט צו רבי יצחק, האָסטו היינט געזעהן דאָס געשטאַלט פון דיין פאָטער? ווייל מיר האָבן געלערנט, אַז אין דער צייט ווען אַ מענטש דאַרף שטאַרבן קומען צו אים זיין פאָטער און זיינע קרובים און ער דערקענט זיי, און אַלע זיינע חברים זאַמלען זיך איין צו באַהעפטן זיך מיט אים, און זיי גייען מיט דער נשמה ביזן אָרט וואָס איז פאַר איר אָנגעגרייט אין גן עדן. האָט רבי יצחק צו אים געזאָגט: איך האָב זיי נאָך נישט געזען.

**האַר פון דער וועלט, לאָז רבי יצחקן בלייבן ביי אונז, ווייל ער איז איינער פון די זיבן אויגן וואָס לייכטן אויף דער וועלט**

**ז. אדהכי קם,** דערווייל איז רבי שמעון בר יוחאי אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט: האַר פון דער וועלט, לאָז רבי יצחקן בלייבן ביי אונז, ווייל ער איז איינער פון די זיבן אויגן וואָס

לייכטן אויף דער וועלט (איינער פון די זיבן תלמידים וואָס זענען געבליבן לעבן אַרויסגייענדיג פון ר׳ שמעונס "אידרא"-חדר). איך האַלט אים אָן און וויל אים נישט לאָזן שטאַרבן, בעט איך דיך, גיב אים צו אונז, דאָס מיינט צו זאָגן, זאָל ער בלייבן לעבן.

**רבי יצחק איז דיר געשענקט, ער בלייבט לעבן ביזן טאָג ווען דו וועסט נסתלק ווערן, דעמאָלטס זאָלסטו קומען מיט אים**

**איז** אַרויסגעגאַנגען אַ קול וואָס האָט געזאָגט צו רבי שמעון בר יוחאי: דו הייליגע ליכט, רבי יצחק איז דיר געשענקט, ער בלייבט לעבן ביזן טאָג ווען דו וועסט נסתלק ווערן, דעמאָלטס זאָלסטו קומען מיט אים. האָט רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט: איך וועל אים שוין דעמאָלס זיכער ברענגען.

**וואו רבי שמעון בר יוחאי געפינט זיך האָב איך נישט קיין רשות אויסצופירן אַ גזר דין**

**דערווייל** האָט רבי אלעזר געזעהן ווי דער מלאך המות איז אַוועקגעגאַנגען און האָט געזאָגט: אין דעם אָרט וואו רבי שמעון בר יוחאי געפינט זיך האָב איך נישט קיין רשות אויסצופירן אַ גזר דין. האָט רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט צו זיין זוהן רבי אלעזר, גיי צו רבי יצחק און לערנטביידע תורה. האָבן זיי אַזוי געטוהן.

**מ'האָט דאָרט געמאַכט פענסטער פאַר דיינעט וועגן, כדי די ליכט פון אויבערשטן זאָל אויף דיר שיינען פון אַלע פיר זייטן**

**ח. נאים,** רבי יצחק האָט איינגעדרימלט און געזעהן זיין פאָטער. האָט זיין פאָטער צו אים געזאָגט, מיין זוהן, ווזויל איז דיין חלק אויף יענער וועלט, ווייל צווישן די בלעטער פון דיביימער פון דעם גן עדן איז דיין אָרט, דו ביזט אַ גרויסער און שטאַרקער בוים אויף ביידע וועלטן, ווייל רבי שמעון בר יוחאי האַלט דיך אָן מיט זיינע

פליגל. וואויל איז דיין חלק, מיין זוהן, ווייל דריי טעג האָט מען באַצירט דיין צימער מיט טייערע שטיינער, און מ'האָט דאָרט געמאַכט פענסטער פאַר דיינעט וועגן, כדי די ליכט פון אויבערשטן זאָל אויף דיר שיינען פון אַלע פיר זייטן, און איך האָב געזעהן דיין אָרט און זיך געפרייט און געזאָגט, וואויל איז דיין חלק.

## ווען רבי שמעון בר יוחאי וועט נפטר ווערן דעמאָלטס וועסטו אָנגרייטן זיין טיש

**אמר** ליה, האָט רבי יצחק געפרעגט: מיין פאָטער, וויפיל צייט האָב איך נאָך צו לעבן אויף דער וועלט? האָט דער פאָטער אים געענטפערט: מיין קינד, איך האָב נישט קיין רשות דיר דאָס מגלה צו זיין, אָבער דו זאָלסט וויסן אַז ווען רבי שמעון בר יוחאי וועט נפטר ווערן דעמאָלטס וועסטו אָנגרייטן זיין טיש (דו וועסט נפטר ווערן צוזאַמען מיט רבי שמעון בר יוחאי).

**אַצינד זענען** געווען אָנגעבערייט צוועלף צדיקים פון דער חבריא דיר אַנטקעגן צו גיין. און איידער איך בין אַרויסגעגאַנגען צו גיין צו דיר, איז דערוועקט געוואָרן אַ קול אין אַלע וועלטן, וועלכער פון די חבריא וואָס שטייט דאָ אַנטקעגן צו גיין די נשמה פון רבי יצחק איר באַגלייטן אין גן עדן אריין, זאָל זיך אומקערן צו איר אָרט, ווייל רבי שמעון בר יוחאי האָט געבעטן פאַר אים ער זאָל נאָך בלייבן לעבן.

## רבי שמעון בר יוחאי האָט דערקענט אויף רבי יצחק אַז ער האָט געהערט עפעס נייעס

**ט. אדהכי אתער,** דערווייל האָט רבי יצחק זיך אויפגעכאַפּט געשמייכלט און זיין פנים האָט געלויכטן. האָט רבי שמעון בר יוחאי געזעהן רבי יצחק און געקוקט אין זיין פנים, האָט ער צו אים געזאָגט: דו האָסט געמוזט הערן עפעס אַ נייע זאַך וואָס זיין פנים לייכט אַזוי. האָט רבי יצחק אים דערציילט די גאַנצע מעשה, און

רבי יצחק איז שוין געבליבן ביי רבי שמעון בר יוחאי זיך נישט אַוועקגערירט פון אים און האָט שטענדיק געלערנט תורה.

## דער אויבערשטער האָט מיך צוגענומען פון דער האַנט פונעם מלאך המות

**מההוא יומא,** פון יענעם טאָג אָן, ווען רבי יצחק פלעגט אַריינקומען צו רבי שמעון בר יוחאי, פי'עגט ער אויסרופן דעם פסוק (ישעיה לח, יד) ה׳ עָשְׁקָה לִּי, עָרְבֵנִי, דאָס איז די תפילה פון חזקיהו דער קעניג פון יהודה ווען ער איז געווען קראַנק, "ה׳ עשק אותי" (דער טייטש דערפון איז, דער אויבערשטער האָט מיך צוגענומען פון דער האַנט פונעם מלאך המות), "וערבני להצילני", און ער האָט געהאַפט פאַר מיר מיך צו ראַטעווען, ווייל רבי יצחק האָט דערמיט אָפּגעגעבן אַ לויב און דאַנק צום אויבערשטן אַז ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון דער האַנט פונעם מלאך המות און האָט אים געראַטעוועט, אַזוי שטייט אין זוהר.

## השי״ת זאָל אים אַרויסציען פון "פרידן צו פריזן"

**י. והנפקותא מזה,** דערפון קענען מיר אָפּלערנען אַז אַ מענטש דאַרף מתפלל זיין פאַרן אויבערשטן וועגן דער צייט ווען ער וועט דאַרפן אַוועקגיין פון דער וועלט, זאָל ער אים אַרויסציען פון פרידן צו פרידן (די תפילה ווערט דערמאַנט אין "מעמדות" פון צווייטן טאָג), מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ פטירה אַזוי ווי צדיקים האָבן, ווייל ווען אַ צדיק שטאַרבט קומען אים אַנטקעגן פילע צדיקים פון גן-עדן צו באַגלייטן זיין נשמה, און ער גיט זיי שלום.

## פון פרידן פון די צדיקים צום פרידן פון די מלאכים

**דערנאָך,** ווען זיי באַגלייטן די נשמה קומען נאָך דריי כתות מלאכים און זאָגן צו אים, שלום, שלום זאָל אים זיין אויף זיין געלעגער. און דאָס מיינט דער פסוק "וְתוֹצִיאֵנִי מִשָּׁלוֹם אֶל שָׁלוֹם", און

דו זאָלסט אונז אַרויסציען פון פרידן צו פרידן, פון פרידן פון די צדיקים צום פרידן פון די מלאכים.

# פרק כ׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער חוב צו דאַוונען ״שמונה - עשרה״ מיט כוונה

**א. איתא בגמרא,** עס שטייט אין דער גמרא ברכות (דף כ״ו עמוד ב׳) ״תפלות אבות תקנום״, די תפילות האָבן אונזערע אבות הקדושים מתקן געווען. אברהם האט מתקן געווען תפילת שחרית, און אַנטקעגן דעם האָבן די חכמים מתקן געווען די ברכה פון ״מגן אברהם״. יצחק האָט מתקן געווען תפילת מנחה, און אַנטקעגן דעם האָבן די חכמים מתקן געווען צו זאָגן ״מחיה המתים״. יעקב האָט מתקן געווען תפילת ערבית, און אנטקעגן דעם האָבן די חכמים מתקן געווען די ברכה פון ״הא-ל הקדוש״.

## דער זכות פון די אבות: אברהם, יצחק און יעקב איז זייער גרויס, און אונזער קיום ווענט זיך אין זייער תפילה

**דעריבער** זענען אַלע ברכות אָנגערופן געוואָרן אויף די נעמען פון די ערשטע ברכות, און די אבות האָבן זיי מתקן געווען, און דעריבער דאַרף יעדער איינער זיין געוואָרענט מתפלל צו זיין כאָטש תפילת שמונה עשרה מיט כוונה, נאָר צוליב דעם שווערן עול פון גלות וואָס אידן ליידן, קענען נישט אַלע די טיפע כוונות פון שמונה עשרה. זאָל דער מענטש כאָטש זיך אָנקליידן מיט ציטערניש און פאָרכט בשעת ער זאָגט ״אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב״, ווייל זייער זכות איז זייער גרויס, און דורך זייער תפילה האָבן מיר אַ קיום.

## די הערצער פון מענטשען זענען פאַרשטאָפּט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דער וועלט, און ווי אַזוי השם יתברך געפינט זיך מיט זיי שטענדיג

**ב. ואיתא בזוהר,** און עס שטייט אין זוהר פרשת ויחי (דף רכ״ה

עמוד ב׳) אמר רבי יהודה, רבי יהודה האָט געזאָגט, ווי פאַרשטאָפּט זענען די הערצער פון מענטשן וואָס זיי פאַרשטייען נישט דעם טיפערן אינהאַלט פון דער וועלט, און ווי אַזוי דער אויבערשטער ברוך הוא געפינט זיך מיט זיי אויף דער וועלט יעדן טאָג און יעדער צייט, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אומקוקן דערויף.

## דריי מאָל אַ טאָג קומט אַריין אַ ווינט אין דער מערת המכפלה און דערוועקט די אבות הקדושים מתפלל צו זיין פאַר זייערע קינדער

**דריי** מאָל אין טאָג גייט אַריין אַ ווינט אין דער מערת המכפלה, און בלאָזט אויף די קברים פון די אבות, אברהם, יצחק און יעקב, און זיי ווערן לעבעדיג און שטייען אויף.

## דריי מאָל אַ טאָג גיסט אליהו הנביא וואַסער אויף די הענט פון די אבות איידער זיי זענען מתפלל

**מיר** האָבן געלערנט, דער דאָזיגער ווינט קומט פריער אַריין אין גן עדן התחתון, און מיט די ריחות (געווירצן) פון גן עדן בלאָזט דער ווינט ביז ער קומט אַריין אין דער מערת המכפלה און איז מחיה די אבות און אמהות. דאַן ווערן זיי דערוועקט, שטייען אויף און בעטן פאַר זייערע קינדער. און אַליהו הנביא גיסט אַרויף וואַסער אויף זייערע הענט איידער זיי דאַווענען, און דריי מאָל אַ טאָג זענען זיי מתפלל פאַר אידן, און יעדעס מאָל גיסט אליהו הנביא וואַסער אויף זייערע הענט. אַזוי שטייט אין זוהר.

## וואַשן זיך די הענט איידער מ׳דאַווענט, שאַפט זיך אַ כוח הקדושה

**ג. מזה תראה,** פון דעם קען מען זען ווי גרויס און הייליג איז זיך צו וואַשן די הענט איידער מען דאַווענט, ווייל וואָס איז דאָך דאָס פאַך פון אליהו הנביא צו גיסן וואַסער אויף די הענט פון

די אבות. דעריבער דאַרף מען זיין געוואָרנט אַז אַן ערלעכער איד זאָל גיסן וואַסער אויף די הענט פון דעם וואָס דאַרף דאַווענען, אָבער דאָס וואַסער זאָל נישט געגאָסן ווערן דורך אַ רשע.

## אַ סגולה אין אַן עת צרה ח״ו, צו דערמאנען מיט גרויס כוונה די אבות הקדושים אין דער תפילה

**ונחזור,** און מיר וועלן זיך אומקערן צום ענין וואָס מיר האָבן פריער געשמועסט, וועגן דעם זכות פון די אבות וואָס איז גרויס אין די אויגן פון אויבערשטן ברוך הוא. יעדער איינער וואָס דערמאנט די אבות אין זיין תפילה, איז עס זייער באליבט פאַר השם יתברך און עס איז מסוגל אין יעדער עת צרה וואס קען חלילה דעם מענטשן דערגרייכן. וויבאַלד ער דאַווענט מיט כוונה, פון טיפן האַרצן, און זאָגט ״האַר פון דער וועלט, זכור ברית אבות והאמהות והשבטים, געדענק דעם בונד פון די אבות און אמהות און די שבטים״, עס מוז אָבער זיי אויף אַן אופן, אַז ער פאַרשטערט נישט דעם בונד פון אונזערע עלטערן וואָס זיי זענען געגאַנגען מיט גאַנצקייט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, דעמאָלטס איז די תפילה זייער מסוגל אנגענומען צו ווערן.

## אַ מענטש וואָס נייגט אָפּ פון ריכטיגן וועג און פירט זיך נישט בדרך אבותינו, איז כדאַי פאַרשעמט צו ווערן נאָכדעם וואָס זיין נשמה טוט זיך אָפּ פון אים

**ד. מה שאין כן,** אָבער אַז דער מענטש פאַרקרומט זיין גוטן וועג און פירט זיך נישט אַזוי ווי די הייליגע אבות, ער האַלט זיך גרויס און האַלט אָן די מדה פון קנאה, און גלוסט זאַך געלט וואָס איז נישט פאַרדינט געוואָרן אויף אַן ערלעכן וועג, און ער גייט אין די וועגן פון עבירות ח״ו, איז כדאי אַז ער זאָל פאַרשעמט ווערן נאָך דעם ווי זיין נשמה וועט אַרויסגיין פון אים.

## פון אַלע מצוות ווערט אַ טייער מלבוש פאַר דער נשמה אויף דער וועלט, און אין עולם הבא

**אויף** דעם האָבן די פריערדיגע חסידים זכרונם לברכה מתפלל געוו׳ען די תפילה, (זע ברכות טז, ב) יהי רצון מלפניך ה׳ אלקינו ואל׳קי אבותינו שלא נחטא ולא נבוש ולא נכלם מאבותינו, עס זאָל זיין ד׳יין ווילן, באַשעפער, אונזער ג-ט, אַז מיר זאָלן נישט זינדיגן און זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן פאַר אונזערע עלטערן. דורך דער בושה וועט ער נישט קענען קומען פאַרן אויבערשטן, ווייל זיין נשמה איז נאַקעט אָן אַ לבוש, אַזוי ווי עס שטייט דאָרט אין זוהר (דף רכו, ב), תא חזי, קום און זע, ווייל איז צו די מענטשן וואָס קוקן און ווייסן נישט אויף וואָס די וועלט שטייט, ווייל פון אַלע מצוות ווערט אַ טייערע מלבוש פאַר ז׳ער נשמה אויף דער וועלט, און אין עולם הבא דאַרף דער מענטש האָבן די אַלע קליידער, און פון יעדן טאָג וואָס דער מענטש טוט מעשים טובים, ווערן באַשאַפן די דאָזיגע קליידער. און נאָך שטייט דאָרטן אין זוהר:

## די רוחניות׳דיקע קליידער וואָס אַ מענטש שאַפט פאַר ז׳ך פון זיינע מצוות, לייכטן אין גן עדן נאָך ביי זיין לעבן

**ה. ר״י,** רבי יהודה סבא האָט איין טאָג אַריינגעטראַכט (ער האָט זיך געזאָרגט וועגן זיין חלק אין עולם הבא). האָט מען אים אין חלום געוויזן דאָס געשטאַלט פון זיין ליכט, וואָס האָט געלויכטן אין אַלע פיר זייטן. האָט ער זיי געפרעגט, וואָס איז דאָס? האָבן זיי ׳זים געענטפערט, דאָס זענען דיינע קליידער וואָס דו האָסט פאַר דיר געמאַכט (דורך דיינע מצוות) דאָ צו וואוינען, און פון יענעם טאָג אָן האָט ער זיך געפרייט[א].

---

א) סיאיז ידוע פון זוה״ק און כתבי האריז״ל אַז פונקט ווי אויף דער וו׳גלט דאַרף מען לעולם הבא שפייז און קליידונג רוחניות׳דיגע. דאָס שפייז וו׳גרט באַשאַפן פון די תורה וואָס מ׳לערנט (אָדער מ׳שטיצט), און די קליידונג פון די מצוות ומעשים טובים. ווי מער מצוות, ווי מער דקדוקים, חומרות מ׳ט הידורים, אלס שענער און רייכער זענען די קליידער. ווי מער תורה ריינע און

## יעדן טאָג זיצן אין גן עדן, שורות ווייז, די נשמות פון צדיקים מיט זייערע לבושים און לויבן השם יתברך מיט געהויבענעם כבוד

**האָט** רבי יהודה געזאָגט, יעדן טאָג זיצן אין גן עדן אויסגעשורה׳ט נשמות פון די צדיקים מיט זייערע קליידער, און לויבן השם יתברך ברוך הוא מיט אַ געהויבענעם כבוד, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמ, יד) אַךְ צַדִּיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים אֶת פָּנֶיךָ.

## אַלע זייערע גוטע מעשים ווערן אין זייערע אויגן גערעכנט ווי אַ טראָפּן פון ים אַנטקעגן זייערע עבירות

**און** דאָס איז די מדה פון צדיקים, וואָס שרעקן זיך שטענדיג און האָבן מורא, אַז זיי וועלן פאַרשעמט ווערן אין עולם הבא דורך זייערע מעשים, וואָס זיי האָבן געטוהן אין עולם הזה, און אַלע זייערע גוטע מעשים ווערן אין זייערע אויגן גערעכנט ווי אַ טראָפּן פון ים אַנטקעגן זייערע עבירות.

## די צדיקים ווען זיי זעען אַ חילול השם זענען זיי מוכיח און אין האַרץ זענען זיי מתפלל השם יתברך זאָל נייגן די הערצער פון רשעים צום גוטן

**ו. גם מדת,** אויך איז די מדה פון צדיקים צו שטראָפן מיט רייד די רשעים ווען זיי זעען עפּעס אַ חילול השם, אָדער שלעכטע מעשים (מוסרים) וואָס זיי מאַכן דערמיט שלעכט אויך אַנדערע מענטשן. כאָטש עס קען זיין אַז דער מענטש וועט דערנאָך נאָכלויפן דעם צדיק, וואָס האָט אים מוכיח געווען פאַר דער עבירה און וועט אים באַדראָען מיט סכנת נפשות, פונדעסטוועגן זאָל דער צדיק אים נישט אַרויסווייזן אַ פריילעך פּנים, נאָר אַ צאָרנדיגן פּנים, כדי דער

---

הייליגע, אלס געשמאקער און קעניגליכער איז דאָס שפּייז. דעריבער זאָל מען געדענקען אַז יעדער גוטע פּעולה, אַפילו בלויז אַ חומרא אָדער הידור וועט זיך אָנזעהן אויפין מענטשן לעתיד לבא.

רשע זאָל אַליין פאַרשטיין, אַז זיינע מעשים געפעלן נישט דעם צדיק און דער צדיק האָט צער פון דעם וואָס דער רשע דערצערנט דעם באַשעפער, און אין זיין האַרץ זאָל בעטן דער צדיק אַז דער אויבערשטער זאָל איבערדרייען דאָס האַרץ פונעם רשע און זאָל אים נייגן צום וועג פון יראת שמים. און דאָס איז אַ חיוב פאַר די ערליכע אידן צו שטראָפן די רשעים און זיך מצטער זיין ווען זיי זעען אָדער זיי הערן וועגן די שלעכטע מעשים פון די רשעים.

**ז. ועניין זה,** און דער דאָזיגער ענין ווערט ערקלערט אין זוהר דאָרט (דף רל״ח ודף ר״מ) איז זיין לשון:

**רבי** יהודה און רבי יצחק זענען געגאַנגען צוזאַמען אין וועג, האָט רבי יהודה געזאגט, עס שטייט אין פסוק (משלי לא, כא) לֹא תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים, איר הויז געזינד (פון די אשת חיל) פאָרכט זיך נישט פאַר דער קעלט פון שניי ווייל איר גאַנץ הויז געזינד איז באַקליידעט מיט רויטן פאָדים, דאָס מיינט גוטע קליידער.

**ווען זיי גייען אַריין אין פייער זאָגן זיי, דאָס איז געוויס דער גיהנום. ווען זיי גייען אַריין אין שניי זאָגן זיי, דאָס איז די קעלט פון דעם ווינטער**

**דעם** דאָזיגן פסוק האָט אונזער חבר רבי חזקי׳ פאַרטייטשט, ווייל דער משפט פון די רשעים איז צוועלף חדשים, אַ האַלב פון די צוועלף חדשים (זעקס חדשים) ווערן די רשעים גע׳משפט אין פייער און אַ האַלב פון די צוועלף חדשים (זעקס חדשים) אין שניי. אין דער צייט ווען זיי גייען אַריין אין פייער זאָגן זיי, דאָס איז געוויס דער גיהנום. ווען זיי גייען אַריין אין שניי זאָגן זיי, דאָס איז די קעלט פון דעם ווינטער, און די רשעים פרייען זיך און זאָגן, מיר האָבן פאַרגעניגן אַז מיר זענען נאָך די שטראָף פונעם פייער אַריינגעקומען אין אַ קאַלטן אָרט, אָבער זיי ווייסן נישט אַז אין דעם שניי ענדיגט זיך זייער שווערער דין און זיי ליידן דאָרט שווערע און ביטערע שטראָף.

## די וואָס האַלטן די מצוות פּאָרוויז, מילה און פריעה, ציצית און תפילין, מזוזה און נר חנוכה

**וואָלט** מען געקענט מיינען אַז פאַר די צדיקים איז אויך אַזוי, זיי ווערן אויך גע׳משפט מיט שניי, דעריבער שטייט אין פסוק לֹא תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים, דו זאָלסט נישט לייענען ״לָבוּשׁ שָׁנִים״ מיט אַ קמץ, נאָר ״לָבוּשׁ שְׁנַיִם״, דאָס מ׳ינט מען די וואָס האַלטן די מצוות פּאָרוויז, מילה און פריעה, ציצית און תפילין, מזוזה און נר חנוכה, און דאָס זעלבע ביי אַנדערע מצוות. (ד.מ. א סאך מצוות קומט אויס מקיים צו זיין פּאָרוויז, טלית מיט תפילין ביי שחרית, און נר חנוכה ביי די טיר, נעבן די מזוזה).

## האָט דער אַלטער געזאָגט, איך וויל נישט, ווייל איך בין אַלט און דו ביזט יונג, קענסטו דאָך בעסער גיין פון מיר

**ח. עד דהוי,** ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען (רבי יהודה און רבי יצחק), האָבן זיי באַגעגענט אַ קינד וואָס האָט געפירט אַן אייזל, און אַן אַלטער מאַן האָט געריטן אויף דעם אייזל. האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט צו דעם קינד, מיין זוהן, זאָג מיר אַ פסוק. האָט דאָס קינד צו אים געזאָגט, נישט איין פסוק שטייט אין דער תורה, נאָר גיי אַראָפּ פונעם אייזל, וועלן מיר צוזאַמען גיין, אָדער איך וועל רייטן פאַר דיר אויפן אייזל, וועל איך דיר זאָגן אַ פסוק. האָט דער אַלטער געזאָגט, איך וויל נישט, ווייל איך בין אַלט און דו ביזט יונג, קענסטו דאָך בעסער גיין פון מיר.

## פאַרוואָס האָסטו מיך געהייסן זאָגן אַ פסוק? - כדי דער וועג זאָל נישט זיין אומעטיק!

**האָט** דאָס קינד געזאָגט צו אים, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו מיך געהייסן זאָגן אַ פסוק? האָט דער אַלטער געענטפערט, כדי דער וועג זאָל אַדורכגיין (ער האָט געמיינט צו זאָגן, דער וועג זאָל נישט זיין אומעטיג). האָט דאָס קינד געזאָגט, זאָל אויסגיין דער אָטעם פון דעם

אַלטן מאַן, ער רייט און ווייסט אַפילו נישט אַ פסוק אין דער תורה. איך וועל מיך אָפּשיידן פון דעם אַלטן, און גיין אויף מיין וועג. און אַזוי האָט ער געטוהן.

**ווען** רבי יהודה און רבי יצחק האָבן זיך דערנענטערט צו דעם אָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי. זיי האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דעם אַלטן מאַן, האָט ער זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע. (די כוונה איז, אַז ווען דאָס קינד איז געוואוי׳ר געוואָרן אַז דאָ שטייט פאַר אים אַן אַלטער מאַן וועלכער האָט נישט געלערנט קיין תורה, אַזוי ווייט אַז אַפילו אַ פסוק האָט ער נישט געדענקט אַליין, האָט ער אים נישט געוואָלט קענען, צוליב וואָס יענער איז זיין גאַנץ לעבן אפגעשיידט געוועזן פון תורה, און דאָס אפשייד׳ן זיך איז געווען אַן אופן פון מוסר זאָגן דעם אַלטן מאַן (בדרך כבוד) אויף דעם וואָס ער האָט אָנגעברענגט זיינע יאָרן מיט הבלים).

## דו האָסט ריכטיג געטוהן. גיי מיט אונז, און לאָמיר זיך דאָ זעצן, וועלן מיר הערן דברי תורה פון דיין מויל

**ט. אמר,** האָט רבי יהודה געזאָגט, דו האָסט ריכטיג געטוהן. גיי מיט אונז, און לאָמיר זיך דאָ זעצן, וועלן מיר הערן דברי תורה פון דיין מויל. האָט דאָס קינד געזאָגט: איך בין מיד, ווייל איך האָב אין דעם היינטיגן טאָג גאָרנישט געגעסן. האָבן זיי אַרויסגענומען ברויט און אים געגעבן. איז געשען אַ נס, אַז זיי האָבן געפונען אַ קוואַל וואַסער אונטער אַ בוים, און האָבן געטרונקען פון דעם קוואַל.

## יעדער איינער וואָס זעט שלעכטע מעשים פון רשעים און שטראָפט זיי נישט מיט מוסר רייד, איז עובר אויף דריי לאווין

**האָט** דאָס קינד געעפנט זיין מויל און געזאָגט: ״עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, א) ״לְדָוִד אַל תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל תְּקַנֵּא בְּעֹשֵׂי עַוְלָה״, דו זאָלסט זיך נישט באַהעפטן און זאָלסט זיך נישט אומקערן קוקן

אויף די פעולות פון רשעים, ווייל טאָמער דו וועסט נישט שטאָפּן מיט רייד די מענטשן וואָס טוען אומרעכט, וועסטו דורך דעם געשטראָפט ווערן. יעדער איינער וואָס זעט שלעכטע מעשים פון רשעים און שטראָפט זיי נישט מיט מוסר רייד, איז עובר אויף דריי לאווין (ער איז עובר אויף דעם לאו פון "לא יהי׳ לך אלהים אחרים על פני". אויף דעם לאו פון "לא תשתחוה להם" וגו׳; אויף דעם לאו פון "לא תעבדם").

**דעריבער** דאַרף דער מענטש זיך שיידן און אָפּקערן פון זייער וועג, און דעריבער האָב איך מיך אָפּגעשיידט פון דיינם אַלטן מענטש. פון דאָ און ווייטער, אַז איך האָב אייך געטראָפן, וועל איך אייך פאַרטייטשן דעם פאָלגענדן פסוק.

**י. פתח ואמר,** האָט דאָס קינד ממשיך געווען צוזאָגן, וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה (ויקרא א, א), עס שטייט אין פסוק "וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה", מיט אַ קליינע אל"ף. דאָס איז דערפאַר ווייל דאָס רופן איז נישט געווען גאַנץ, ווייל עס איז נישט געווען אין ארץ ישראל, נאָר אין חוץ לארץ, און גאַנצקייט געפינט מען נישט, נאָר אין ארץ ישראל. און דאָס קינד האָט פאַר זיי געזאָגט נאָך פיל גרויסע סודות.

## געלויבט איז דער אויבערשטער אַז מיר האָבן זוכה געווען דאָס צו הערן, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס די דאָזיגע ווערטער זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן

**זענען** רבי יהודה און רבי יצחק געקומען און געקושט דעם קינד אויף זיין קאָפּ און געזאָגט: "געלויבט איז דער אויבערשטער אַז מיר האָבן זוכה געווען דאָס צו הערן, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס די דאָזיגע ווערטער זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן אין דעם אַלטן מאַן" (דו האָסט נישט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער צו דעם אַלטן מאַן).

## דער אויבערשטער האָט גענומען דעם שם י״ה און אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט ״עירה״ וואָס עס וואָלט געדאַרפט שטיין ״עיר״, נאָר כדי עס זאָל זיין דער אות ה״א פון דעם שם י״ה אין דעם וואָרט ״עיר״

**זיי** האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען געגאַנגען ווייטער אויף זייער וועג. גייענדיג אַזוי האָבן זיי דערזען אַ ווינשטאָק וואָס איז איינגעפלאַנצט אין אַ גאָרטן. האָט דאָס קינד אָנגעהויבן זאָגן דעם פסוק (בראשית מט, יא) ״אֹסְרִי לַגֶּפֶן עִירֹה וְלַשֹּׂרֵקָה בְּנִי אֲתֹנוֹ״. דער עניין דערפון איז, ווייל ״עיר״ און ״אתון״ זענען צוויי שטאַרקע קליפות און כדי אָפּצושוואַכן זייער כוח אַז זיי זאָלן נישט חרוב מאַכן די וועלט ח״ו, האָט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט מיט׳ן שם י״ה, ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה כו, ד) כי בי-ה ה׳ צור עולמים. און דאָס איז דער רמז דאָ, אַז דער אויבערשטער האָט גענומען דעם שם י״ה און אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט ״עירה״ וואָס עס וואָלט געדאַרפט שטיין ״עיר״, נאָר כדי עס זאָל זיין דער אות ה״א פון דעם שם י״ה אין דעם וואָרט ״עיר״, און אַזוי אויך אין דעם וואָרט ״ולשורקה״, וואָלט געדאַרפט שטיין ״ולשורק״. און אַזוי אויך ״בני אתנה״ וואָלט געדאַרפט שטיין ״בן אתן״. און נאָך האָט ער פאַר זיי אַנטפלעקט גרויסע סודות.

**האָט** רבי יהודה געזאָגט, ווען מיר וואָלטן נישט געגאַנגען אויף דעם וועג נאָר כדי צו הערן די גרויסע סודות און די דאָזיגע רייד, וואָלט עס פאַר אונז אויך געווען גענוג.

## עס וואָלט בעסער געווען פאַר דעם קינד ווען ער זאָל נישט וויסן אַזוי פיל סודות

**יא. אמר רבי יהודה,** האָט רבי יהודה געזאָגט (צו רבי יצחק) עס וואָלט בעסער געווען פאַר דעם קינד ווען ער זאָל נישט וויסן אַזוי פיל סודות, און איך האָב מורא אַז ער זאָל ח״ו

נישט שטאַרבן פאַר דער צייט. האָט רבי יצחק אים געפרעגט: פאַרוואָס זאָל ער שטאַרבן פאַר זיין צייט? האָט רבי יהודה אים געענטפערט, ווייל ער קען קוקן אַוואו ער האָט נישט קיין רשות (ד.מ. אין זימלדיגע ענינים), דעריבער האָב איך מורא אז ער זאָל נישט געשטראָפט ווערן און שטאַרבן פאַר דער צייט.

**אין דער צייט ווען מיין פאָטער איז נסתלק געוואָרן האָט ער מיך געבענטשט און געבעטן דעם אויבערשטן, איך זאָל אויסלעבן אַלע מיינע יאָרן, און איך ווייס אַז דער זכות פון מיין פאָטער וועט שיצן אויף מיר**

**ווען** דאָס קינד האָט געהערט זייערע רייד, האָט ער צו זיי געזאָגט, איך האָב נישט קיין מורא אַז איך וועל געשטראָפט ווערן צו שטאַרבן פאַר מיין צייט, ווייל אין דער צייט ווען מיין פאָטער איז נסתלק געוואָרן האָט ער מיך געבענטשט און געבעטן דעם אויבערשטן, איך זאָל אויסלעבן אַלע מיינע יאָרן, און איך ווייס אַז דער זכות פון מיין פאָטער וועט שיצן אויף מיר.

**זיי האָבן אים גענומען און געטראָגן אויף זייערע אַקסל דריי מייל, און זיי האָבן אים געבענטשט**

**רבי** יהודה און רבי יצחק האָבן אים געפרעגט, ווער איז געווען דיין פאָטער? האָט ער זיי געענטפערט, איך בין דער זוהן פון רבי המנונא סבא. זיי האָבן אים גענומען און געטראָגן אויף זייערע אַקסל דריי מייל, און זיי האָבן אים געבענטשט און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען. דערנאָך האָבן זיי אים געבענטשט און זענען געגאַנגען אויף זייער וועג. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו רבי שמעון בר יוחאי, האָבן זיי אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

**דער זכות פון דער תורה פון רבי המנונא סבא, און דער זכות פון זיין אייגענע תורה, וועט אויף אים זיכער באַשיצן אַז ער זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן**

**האָט** רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט, דער זכות פון דער תורה פון רבי המנונא סבא, און דער זכות פון זיין אייגענע תורה, וועט אויף אים זיכער באַשיצן אַז ער זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן. דאָס איז דאָס לשון פון זוהר.

**אונטערוועגנס דאַרף מען זיך באַהעפטן נאָר מיט תלמידי חכמים**

**יב. ונלמד מזה,** לערנען מיר פון דעם דאָזיגן מאמר, אַז אינטערוועגנס דאַרף מען זיך באַהעפטן אין וועג מיט תלמידי חכמים און זיך דערווייטערן פון עמי הארצים, אַזוי ווי מ׳נס האָט געטוהן דער זוהן פון רבי המנונא סבא, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון דעם אַלטן מענטש ווייל ער איז געווען אַן עם הארץ, און ער האָט זיך באַהאָפטן צו רבי יהודה און רבי יצחק.

**די גרויסע ענוות פון רבי יהודה און רבי יצחק, וואָס האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין אינגל**

**צווייטענס** לערנען מיר פון דעם וועגן די גרויסע ענוות פון רבי יהודה און רבי יצחק, וועלכע זענען געווען גדולי ישראל, אָבער ווען זיי האָבן געהערט אַז דאָס קינד איז דער זוהן פון רבי המנונא סבא, האָבן זיי אים געטראָגן אויף זייער אַקסל כדי צו הערן פון אים דברי תורה, און זיי האָבן זיך נישט אָפגעהאַלטן צו הערן תורה אַפילו פונעם מויל פון אַ קליין אינגל, ווייל דער מענטש וואָס מאַכט זיך ווי שטויב וואָס יעדער איינער טרעט דערויף, איז באַליבט אין הימל און ווערט געגלוסט אויף דער וועלט און ער ווערט אָנגערופן אַ ליבהאָבער פון דעם אויבערשטן, וואָס וועגן דעם שטייט אין פסוק (תהלים סט, לז) וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ יִשְׁכְּנוּ בָהּ.

## הוספה לפרק כ׳

## די מעלה פון די צדיקים וואס זענען מקנא קנאת ה׳, אזוי ווי אליהו מלאך הברית

**דער הייליגער** ״בני יששכר״ ברענגט אין נאָמען פון הרה״ק מהר״ש מקאַרלין זצ״ל הי״ד (יא״צ כ״ב תמוז), בשם המדרש, אַז ווען הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט פאַר אליהו אַז ער וועט מוזן גיין צו יעדן ברית, האָט אליהו געזאָגט: דו ווייסט דאָך אַז איך בין מקנא קנאת ה׳, און אויב דער בעל ברית וועט זיין אַ בעל עבירה וועל איך נישט קענען דולדן צו זיין דאָרט. האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט, אַז ער וועט מוחל זיין פאַר׳ן בעל ברית אויף זיינע עבירות. האָט ער ווייטער געפרעגט: און אפשר וועט דער מוהל זיין אַ בעל עבירה? האָט אים דער אויבערשטער צוגעזאָגט, אַז ער וועט מוחל זיין אויך פאַר׳ן מוהל. האָט אליהו געפרעגט ווייטער: און אפשר וועלן זיין צווישן די געסט בעלי עבירות און איך וועל זיי נישט קענען סובל זיין. האָט אים דער אויבערשטער צוגעזאָגט, אַז ער ווינט מוחל זיין אויך פאַר אַלע אָנוועזנדע ביים ברית. אַזוי האָט רבי שלמה קאַרלינער נאָכגעזאָגט בשם המדרש.

**זאָגט** דער ״בני יששכר״, אַז מ׳קען דאָס מרמז זיין אין פסוק: ״תחת אשר קנא לאלקיו - ויכפר על בני ישראל״, וויבאַלד זיין מדה איז קנאה, און ער מוז זיין ביי יעדן ברית, דורך דעם איז ער גורם אַז דער אויבערשטער זאָל מוחל זיין אַלע עבירות, און דער אויבערשטער האָט אים געמוזט דאָס צוזאָגען.

**דער** מדרש (מדרש רבה פ׳ צו) ברענגט, דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו ישעיה הנביא: זאָלסט וויסען אַז די אידן ווילצן נישט פאָלגען, איז אויב דו נעמסט אויף זיך צו גיין זיי שטראָפען אויף זייערע עבירות, אפילו זיי וועלען דיך שלאָגען און באַליידיגען, וועל איך דיך שיקען. האָט ישעיה געזאָגט: איך בין גרייט צו גיין אפילו אויב מען וועט מיך שלאָגען.

**ב) דער של״ה** הקדוש זצ״ל ברענגט פון ספר חסידים א מעשה: אַ גרויסער צדיק איז געשטאָרבען, האָט מען אים געזאָגט אַז מען גיט אים גן עדן פאַר זיינע מצוות, און מען האָט אים אויסגערעכענט אויך אַזעלכע מצוות וואָס ער האָט נישט געטאָן. האָט ער געזאָגט: איך געדענק גאָרנישט אַז איך זאָל האָבן געטאָן די מצוות. האָט מען אים געזאָגט, אַז פיל פון די מענטשן וואָס האָבן אויף אים גערעדט לשון הרע, נעמט מען אַראָפּ פון זיי די מצוות און מען גיט זיי אים. (דאָס זעלבע שטייט אויך אין חובת הלבבות.) זאָגט דער של״ה הקדוש ז״ל, אַז דאָס קלאָגט דוד המלך: ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר. איך וואָלט געוועלט צופרידען ווען עס זאָלען פון מיר רעדן שלעכטס ערליכע אידן, ווייל דעמאָלטס וואָלט איך געקריגען זייערע מצוות. אָבער אַז ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר - אָבער ווען עס רעדן פון מיר נידעריגע מענטשן וואָס איך קען פון זיי גאָרנישט קריגען, רשעים, דאָס איז נישט גוט.

**ג) נאָר** עס איז באַקאַנט פון דעם הייליגען צאַנזער רב זי״ע וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז וואו עס איז דאָ אַן ערליכער איד איז יענער אים אַ גוטער פריינד, און וואו עס איז דאָ אַ רשע האָט אים יענער פיינט. דאָס ווערט אויך געברענגט אין ספה״ק ויואל משה (מאמר שלש שבועות פרק קעח ד״ה ומרן) פון סה״ק זרע קודש ע״ש.

**ד. דער** הייליגער יעב״ץ שרייבט (אין ס׳ מגדול עוז, עלית היו״אה) פאָלגענד: ביי זאַכען וואָס טוען באַרירען די יסודות פון די תורה, אין אמונה **זאָלסטו זיך נישט אָפּשרעקן אפילו פון אַ מלאך**, און נישט פון אַ מלך, נישט פון אַ חכם, אָדער עושר אָדער אַלטע, כל שכן אַז מען טאָר זיך נישט פאַרכטן אָדער שעמען פאַר די וואָס זוכען חוזק צו מאַכען און שפעטען, אפילו אין דרויסען מאַכען זיי דעם אָנשטעל פון אַן ערליכען איד, קוק זיך נישט אים אויף זיי, ווייל אינעווייניג זענען זיי שטאַרק פאַרדאָרבען און אַפילו קיינער דאַלט נישט מיט דיר, אדרבה, איז דיין שכר לעתיד לבא פיל מאָל געטאָפּלט.

**ה. אַזוי** אויך שרייבט הגה״צ מהריא״ז מרגליות זצ״ל (ב׳אור בר יוחאי) אַז דער וואָס קוקט אויף די פרנסה אָדער כבוד מען זאָל אים נישט פיינט האָבן און שווייגט, איז אַוודאי אַז ער וועט פון הימל געשטראָפט ווערן, און אַזוי האָט מיר געשריבן מיין ־בי דער סבא קדישא, אַז דאָס צעברעכט אידישקייט, און דערפאַר זענען די רשעים און אפיקורסים גרויס געוואָרען, און אַפילו אויפ׳ן לעוגן דאַרף מען נישט קוקען אַזאַ צייט, אפילו מען זאָל זיין אַליין אין ד׳ וועלט, ע״כ.

# הוספה לפרק כ׳ - בענין שכר ועונש גיהנום וגן עדן, ונהר דינור

## {פון ספר הקדוש שבט מוסר פרק כו}

**א. ישמח האדם,** זאָל זיך פרייען דער מענטש וואָס וו׳ל וויסן וואָס עס איז גיהנם, כדי צו אונטערטעניגן זיין האַרץ און עס אומקערן צום אויבערשטן, און ער זאָל זוכה זיין צו ירש׳ענען זיין חלק אין גן עדן. און ווייל אין פריערדיגן פרק האָב איך געשריבן וועגן גן עדן, וועל איך אין דעם פרק שרייבן וועגן גיהנם, און פריער וועלן מיר שרייבן וואָס די ספרים זאָגן וועגן דעם ענין.

**כתוב,** עס שטייט אין ספר אבקת רוכל: זאָלסט וויסן אַז אויף דער ערד איז דאָ איין גיהנם, אַזוי ווי דער גיהנם פון דעם הימל, און

דאָרט איז דאָ אַ גרויס ברענענדיג פייער, צו שטראָפן די נשמות פו׳ די רשעים, און אַזוי שטייט אין פסוק ״**הנה יום ה׳ בוער כתנור**״, ־ער טאָג ווען דער אויבערשטער טוט משפט׳ן די רשעים, ברענט ווי אַ קאַלך אויוון, און די רשעים גייען אַריין אין גיהנם של מטה און ווערן דאָרט גע׳משפט פאַר זייער רשעות.

**וראיתי,** און איך האָב געזען אַ ספר וואָס שרייבט, אַז די נשמות פון די רשעים ווילן אויך אַרויפגיין צום גן-עדן התחתון, נאָר ווייל זיי האָבן געזינדיגט לאָזט מען זיי נישט, און זיי גייען אַראָפּ און אַרויף ביז זיי ווערן געשטראָפט פאַר זייער רשעות.

**ומביאים,** און זיי ברענגען אַ ראיה פון דעם פסוק ״**ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע**״, און די נשמה פון דיינע פיינט וועט ער שליידערן אין דער שליידער האָלץ.

**דער ענין פון גיהנם, עס איז דאָ וואָס דאַרפן נאָר אָפּגעשווענקט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויך גע׳כשר׳ט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויסגעגלי׳הט ווערן, אויך איז דאָ וואָס האָבן נישט קיין תקנה אַזוי ווי ערדענע כלים. - פון ספר נשמת חיים.**

**ב. והרב,** און דער רב מנשה בן ישראל אין ספר ״נשמת ח׳יים״ שרייבט וועגן גיהנם: דו זאָלסט וויסן, אַז דער עני׳ פון גיהנם איז, ווען איינער קויפט אַלטע כלים, זענען דאָ אַזעלכע כלים וואָס מען דאַרף זיי נאָר אויסשווענקען, און אַ טייל וואָס מען דאַרף זיי אויך כשר׳ן, און אַ טייל וואָס מען דאַרף זיי אויסגליען, און אַן ערדענע כלי פון טריפות האָט שוין גאָר קיין תקנה נישט, און מוז צעבראָכן ווערן, אַזוי איז דער זעלבער ענין אין דעם שטראָף פון נשמות.

**כי,** ווייל די נשמה איז איינגעשמירט פון שלעכטע מעשים, ווען זי האָט קיין תשובה נישט געטאָן, האָבן אירע זינד געמאַכט אַ צייכן אין איר און זי קען דערפון נישט גערייניגט ווערן נאָר דורך דעם ג׳הנם.

**אבל,** אָבער די שטראָף איז נישט גלייך ביי אַלע מענטשן. עס זענען דאָ צדיקים וואָס האָבן אַן עבירה אָדער צוויי. זיי באַדאַרפן נאָר אָפּגעשווענקט ווערן אין גיהנם. נאָר זיי גייען אים אַדורך גאַנץ שנעל, און די מקובלים זאָגן, אַז כמעט אַלע צדיקים דאַרפן דורכגיין דורך דעם גיהנם, דאָרט איבערצולייטערן די נשמה פון דעם ביסל זינד וואָס זיי האָבן געטאָן.

**ולכן,** און דערפאַר האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געוויינט פאַר זיין טויט, און האָט געזאָגט, עס זענען דאָ צוויי וועגן, איינער צום גיהנם, און איינער צום גן עדן, און איך ווייס נישט אין וואָס פאַראַ וועג מ׳נן וועט מיך פירן. מיינט דאָס נישט ח״ו אַז ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רשע, נאָר זיין פאָרכט איז געווען אַפילו דורכצוגיין דעם גיהנם, ווייל טאָמער וועט די זינד גורם זיין ח״ו, וועט ער ח״ו עפּעס נתעכב ווערן דאָרט, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא איז מדקדק מיט זיינע חסידים אַפילו אויף זייערע קליינע עבירות.

**אולם,** אָבער די נשמות וואָס דאַרפן נאָך אויסגע׳כשר׳ט ווערן, און מוזן פאַרהאַלטן ווערן אין גיהנם אַ קליינע צייט, די זענען די מיטעלע לייט, און די וואָס דאַרפן אויסגעגליט ווערן, דאָס זענען די רשעים. נאָר צווישן זיי זענען אויך דאָ מדריגות. עס זענען דאָ אַזעלכע רשעים וואָס ווערן גע׳משפט אין גיהנם צוועלף חדשים, און דערנאָך קערט זיך די נשמה צוריק צו איר אָרט אַ ריינע און אַ לויטערע. און עס זענען דאָ רשעים וואָס ווערן גע׳משפט מער פון צוועלף חדשים, אָבער נישט מיט אַזעלכע עונשים ווי פריער.

**ויש,** און עס זענען דאָ רשעים וואָס פאַרדאַרבן זייער נשמה, זוזן דאָס פייער פון גיהנם איז כמעט נישט גענוג זיי אויסצולייטערן. און אַזוי אויך נאָך דעם ווי זיי באַקומען שוין זייער עונש, ווערן זיי אַש אונטער די פיס פון די צדיקים.

**והמדריגה,** און די אונטערשטע מדריגה, וואָס איז גלייך ווי אַן

ערדענע כלי, וואס האָט גאָר קיין תקנה נישט, דאָס זענען די נשמות וואס זענען איינגעשמירט געוואָרן מיט שלעכטע דעות, גלייך ווי די אפיקורסים. די דאָזיגע נשמות ווערן אייביג געשטראָפט, און אויף זיי ווערט געזאָגט אין פסוק ״**ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי**״, זיי וועלן גיין און זען די גופים פון די מענטשן וואס זענען פאַרברעכעריש קעגן מיר, ״**כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה**״, ווייל זייערע ווערים וועלן נישט שטאַרבן, און זייער פייער פון גיהנם וועט נישט פאַרלאָשן ווערן.

## די שטראָף פונעם גוף מיט די נשמה אין גיהנם

**ג. ומה,** און מיין דעה וועגן דעם עונש פונעם גוף מיט די נשמה אין גיהנם, איז אויף אַזאַ אופן: אַז פון די עבירות וואס דער רשע טוהט ווערט באַשאַפן אַ טמא׳דיגן גוף, און ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף, גייט זי אַריין אין דעם טמא׳דיגן גוף, און זיי ווערן צוזאַמען גע׳משפט, און אַז עס גרייכט אַ צער צו דעם טמא׳דיגן גוף, גרייכט אויך שאַדן און צער צו דעם גוף וואס ליגט אין קבר.

**וכן,** און דאָס איז וואס ר׳ עקיבא האָט געטראָפן אַ טויטן וואס האָט געטראָגן האָלץ. האָט ר׳ עקיבא אים געפרעגט וואס איז דאָס, האָט ער אים געזאָגט, אַז די מלאכי חבלה האָבן אויף אים גוזר געווען, ער זאָל אַליין אָנהאַקן האָלץ, מען זאָל אים דערמיט פאַרברענען. דער גוף איז געווען דער טמא׳דיגער גוף, וואס ער האָט באַשאַפן פון די עבירות, די נשמה זאָל אין אים געמשפט ווערן, און דעם ריכטיגן גוף וועסטו שטענדיג געפינען אין קבר, נאָר ווען מען שטראָפט דעם טמא׳דיגן גוף פילט עס אויך דער גוף וואס ליגט אין קבר, דערנאָך אַז ער נעמט שוין אינגאַנצן אָפּ זיין שטראָף, ווערט דער טמא׳דיגער גוף פאַרלענדט, און די נשמה טובל׳ט זיך אין נהר דינור, און גייט אַריין אין גן עדן.

## וואָס איז דער אונטערשטער גיהנום

**ד. ובענין,** דער גיהנם וואָס איז אויף דער ערד איז זייער גרויס, און וואָס מער רשעים עס קומען צו אין אים, ווערט ער אַלץ גרעסער, און דאָרט זענען דאָ פיל צימערן צו משפט׳ן. איין עונש איז שווערער פון דעם אַנדערן, און דאָרט ווערט יעדער מענטש געמשפט לויט ווי ער איז ווערט.

**ויש,** דריי טירן זענען דאָ אין אים: איין טיר אין ים, און איינע אין ישוב, און איינע אין מדבר. און יעדער גייט אַריין אין דער טיר וואָס איז פּאַסיג פאַר זיין שטראָף, לויט זיינע מעשים.

**והאש,** דאָס פייער פון גיהנם איז זעכציג מאָל הייסער פון דעם פייער פון דער וועלט, און דאָרט זענען דאָ אַזעלכע קויל׳ן וואָס זענען גרויס ווי אַ באַרג. עס זענען דאָרט דאָ טייכן פול מיט שוועבל און פעך, וואָס זיי קוועלן פון תהום, און דאָרט זענען דאָ אַלערליי מזיקים און מחבלים צו שטראָפן די רשעים, און די מזיקים זענען די וואָס דער מענטש אַליין האָט זיי באַשאַפן מיט זיינע שלעכטע מעשים, אויסער די מזיקים און מחבלים, וואָס זענען דאָרט פון אייביג, און זיי שטראָפן דעם גוף מיט אַלערליי שטראָף.

## אַ טייל פון די לעבעדיגע מענטשן וואָס האָבן געזען די טיר פון גיהנם וואָס איז אין אַ ווייטער מדבר און די טיר פון גיהנם וואָס איז אין ים וכו׳

**ה. וכמה,** און פיל מענטשן האָבן געזען פונדערווייטנס די טיר פון גיהנם אין מדבר. און איך האָב געהערט פונעם חכם ר׳ חיים אלפסי ז״ל, אַז די ים-מאַטראָזן האָבן אים דערציילט, אַז עס איז דאָ אין ים אַן אָרט, וואָס זיין ברעג גרייכט צו דעם מדבר, און דאָרט זעט מען פונדערווייטנס אַ שפּאַלט אין דער ערד, וואָס פון דאָרט גייען אַרויס פלאַמען פייער ביז אין הימל, און די שיף מוז גאַנץ ווייט זיין פון

דעם אָרט, כדי די פעך וואָס די שיף איז פאַרקלעבט, זאָל נייזט צעשמאָלצן ווערן צוליב דער היץ פונעם פייער.

**ושהוא,** און דער חכם איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ שיף אויף דעם גרויסן ים, האָבן זיי געזען ביינאַכט ווי פלאַמען פייער גייען אַרויס פונעם ים, און דער פלאַם האָט צעבראָכן בערג און שטיינער. האָבן די שיף-מאַטראָזן אים געזאָגט, אַז דאָס אָרט איז די טיר פון גיהנם, און אַז דאָס פייער ווערט געזען ביינאַכט, אָבער בייטאָג זעט מען עס נישט.

**ו. ואני,** און איך האָב געזען אין אַ ספר, אַז עס איז דאָ אַן אָרט אין מדבר וואו די וואָס גייען דאָרט הערן אַ געשריי פון דער ערד, אַזוי ווי די קולות פון מענטשן וואָס מען שלאָגט זיי און זיי שרייען פון צער, און מען זאָגט אַז דאָרט איז דער גיהנם אויף דער ערד. און איין מלך האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָס געשריי איז, האָט ער געהייסן גראָבן זייער טיף, האָבן זיי נישט געפונען קיין שום זאַך, וואָר מען האָט אַלץ געהערט דאָס געשריי.

❖

**די גיהנם פון אויבן איז דער נהר-דינור, און אויך די בושה און צער וואָס ער האָט פון דעם וואָס דער חבר איז העכער פון אים.**

**ז. וגיהנם,** און דער גיהנם פון הימל איז דער פייערדיגער טייך, און אויך דאָס וואָס איינער האָט אַ העכערן אָרט, דאָס איז אויך דער גיהנם פון אויבן, ווייל דער וואָס זיצט נידעריגער איז מקבל גרויס צער און בושה דורך דעם וואָס זיין חבר איז אין אַ העכערן אָרט פון אים.

**ועוד,** און נאָך זאָגן די חכמים, אַ רויך איז פאַראַן אין דער חופה, פון דעם וואָס האָט נישט געוואָלט מחזיק זיין די תלמידי חכמים, איז ער אין גן עדן אויך מקבל עונש מדה כנגד מדה, ווייל אַזוי ווי אויף דער וועלט האָט ער געזען ווי תלמידי חכמים האָבן אַ דוחק, און ער האָט זיך נישט מרחם געווען, זעט ער מיט זיינע אויגן די מעלה פון די תלמידי חכמים און זיי זעען אין זיין צער און זענען זיך נישט מרחם אויף אים. אַזוי ווי ער האָט געטאָן, אַזוי ווערט צו אים צוריק געצאָלט.

**עס איז דאָ אַ גן-עדן אויך דאָ אויף דער ערד, און דאָס האָט רבה בר אבוה געזען ווען אליהו האָט אים ארומגעפירט און ר׳ יהושע בן לוי ווען דער מלאך-המות האָט אים געפירט. – דער ענין פון עסן און טרינקען אין גן עדן, זענען רוחניות׳דיגע תענוגים.**

**ח. וכשם,** און אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גיהנם אויף דער ערד, אַזוי איז אויך פאַראַן אַ גן עדן אויף דער וועלט, און אין אים זענען דאָ אַלערליי גוטע ביימער וואָס קיין אויג האָט עס נישט געזען, און זיי גיבן אַרויס וואונדערליכע ריחות, ווי די גמרא ברענגט אַ מעשה, אַז אליהו האָט געפירט רבה בר אבוה אין גן עדן התחתון, און ער האָט גענומען פון די בלעטער פון די ביימער אין זיין קלייד, און ווען ער האָט געוואָלט אַרויסגיין, האָט ער געהערט אַ קול וואָס האָט געזאָגט, ווער האָט אויפגעגעסן זיין עולם הבא אַזוי ווי רבה בר אבוה. האָט ער אַרויסגעוואָרפן די בלעטער פון זיין קלייד. פונדעסטוועגן איז דער ריח געבליבן אין זיין קלייד, האָט ער דאָס קלייד פאַרקויפט פאַר דרייצן טויזנט גילדן, און האָט עס צוטיילט צו זיינע איידעמער.

**גם,** אויך ווערט געברענגט אין דער גמרא, ווי דער מלאך המות האָט געפירט רבי יהושע בן לוי אין גן עדן אַריין מיט זיין גוף, דאָס מיינט מען גן עדן התחתון. די צדיקים ווערן דאָרט געשפייזט פון גוטע ריחות און מיט רוחניות׳דיגע תענוגים, וואָס דער שכל קען זיך נישט

משער זיין. אָבער זיי עסן נישט און טרינקען נישט דאָרט. דאָרט זענען זיי משיג גרויסע סודות פון דער תורה.

## דער ענין פון אויבערשטן גן-עדן

**ט. ויש,** אַז די נשמה זיצט אָפּ אין גן עדן איר צייט, גייט זי אַרויף צו דעם גן עדן פון הימל, און גייט אַריין אין דעם היכל צרור החיים צו זען די שכינה פון אויבערשטן ברוך הוא, און דערפון איז נישטאָ קיין גרעסערע תענוג.

**ואופן,** און דער וועג ווי אַזוי די נשמה איז מקבל שכר אויף יעדע מצוה, האָב איך געזען אין אַ ספר, אַז כאָטש די נשמה איז שוין אין גן עדן, צוליב איין מצוה וואָס זי האָט געטאָן, דערנאָך אַז מ׳גן וויל איר געבן שכר אויף אַן אַנדערע מצוה, כדי מען זאָל איר געבן אַ העכער אָרט, איז מען מדקדק אויב זי האָט מקיים געווען די מצוה ווי געהעריג, דאַן ברענגט מען זי אויף אַ העכער אָרט, און אויב נישט, צ׳ט מען זי אַרויס פון גן עדן, און זי איז מקבל אַ שטראָף, און דערנאָך ברענגט מען זי אויף דעם העכערן אָרט, און דאָס אַלץ איז אין דעם גן עדן התחתון, אָבער אַז די נשמה גייט שוין אַרויף אין דעם אויבערשטן גן עדן, דעמאָלטס איז זי שוין געלייטערט געוואָרן אין דעם גן עדן התחתון און זי גייט שוין אַרויף אין דעם היכל צרור החיים, און זי באַדאַרף שוין מער נישט געלייטערט ווערן, נאָר זי גייט אַרויף פון איין מדריגה צו דער אַנדערער.

## מסכת גיהנם פון בעל ראשית-חכמה

**י. כתב,** עס שטייט אין ״מסכת גיהנם״, רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, איין מאָל בין איך געגאַנגען אין וועג האָט מיך געטראָפן אליהו הנביא ז״ל, האָט ער מיר געזאָגט, אויב דו ווילסט וועל איך דיך שטעלן אויף דער טיר פון דעם גיהנם. האָב איך געזען מענטשן וואָס הענגען אויף די הענט, און אַ טייל אויף די פיס, אויף די ברוסטן,

און אַ טייל גיט מען זיי צו עסן הייסע קוילן, און מענטשן וואָס זיצן לעבעדיג, און ווערים עסן זיי.

**אמר,** האָט אליהו מיר געזאָגט, דאָס זענען די מענטשן וואָס אויף זיי שטייט "**ותולעתם לא תמות**", און זייערע ווערים וועלן נישט שטאַרבן, און ער האָט מיר געוויזן מענטשן וואָס מען מאַכט זיי עסן מיט געוואַלד דינע זאַמד, און זייערע ציין ווערן צעבראָכן, און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט צו זיי: רשעים, ווען איר האָט געגעסן גזל איז עס זיס געווען אין אייער מויל, און איצט האָט איר נישט קיין כח צו עסן. אין זיי ווערט מקויים דער פסוק "**שני רשעים שברת**", די ציין פון די רשעים האָסטו צובראָכן.

**והראני,** און ער (אליהו הנביא ז"ל) האָט מיר געוויזן מענטשן וואָס מען וואַרפט זיי פון דעם פייער אין שניי אַריין, און פון דעם שניי אין פייער אַריין.

**יא. אמר,** ר' יוחנן האָט געזאָגט, יעדער מלאך איז אָנגעגרייט צו באַצאָלן דעם מענטשן דעם עונש פאַר אַן עבירה. קומט דער ערשטער מלאך און גיט אים אָפּ דעם עונש, דערנאָך גייט ער אַוועק, און אַזוי אויך דער אַנדערער, און דער דריטער, און אַזוי אויך אַלע, ביז ער נעמט אָפּ דעם עונש פאַר אַלע עבירות וואָס ער האָט געטאָן.

## עס איז דאָ זיבן מיני גיהנם, יעדע גיהנם האָט זיבן מדורים וכו'.

**יב. והחסיד,** דער חסיד בעל קיצור של"ה שרייבט, דאָס פייער פון דעם גיהנם איז זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פייער פון שערי צלמות, און אין יעדן מדור פון גיהנם איז דאָס פייער זעכציג מאָל שטאַרקער פון דעם פריערדיגן מדור, ביז אין דעם מדור וואָס הייסט שאול, איז האַלב פייער און האַלב האָגל, און די רשעים וואָס ווערן דאָרט גע'משפט, ווען זיי גייען אַרויס פון דעם פייער,

דערשלאָגט זיי דער האָגל, און ווען זיי גייען אַרויס פון דעם האָגל, ברענט זיי דאָס פייער.

**גרסינן,** נאָך שטייט דאָרט, דער אויבערשטער ברוך הוא האָט באַשאַפן זיבן מיני גיהנם. אין יעדן גיהנם זענען דאָ זיבן מדורים, און אין יעדן מדור זענען דאָ זיבן ערליי פייער, און זיבן טייכן פון האָגל, און יעדער רשע גייט אַריבער אין די אַלע פייערן און ווערט דאָרט פאַרברענט, און די מלאכי חבלה מאַכן זיי ווידער לעבעדיג, און זענען זיי מודיע אַלע זייערע שלעכטע מעשים, און זאָגן צו זיי: אַציוד גייט אין די טייכן פון האָגל און אין די טייכן פון שניי, ווייל איר האָט עובר געווען אויף די תורה און מצוות, קומט און גיט אַ חשבון אויף אייערע מעשים.

**אַ מענטש האָט אַ בחירה צו זיין אַ צדיק, ווייל מען האָט נישט גוזר געווען אויף אים אַז ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע.**

**יג. ואתה,** און דו מענטש, איך האָב דיר דאָ געשריבן וועגן דעם גיהנם און גן עדן. עס זענען דאָ פאַר דיר צוויי וועגן, דער וועג פון טויט און דער וועג פון לעבן. זאָלסטו פאַר דיר בעסער אויסדערוועהלן דאָס לעבן, כדי דו זאָלסט ירש׳ענען דיין חלק גן-עדן פון דעם אויבערשטן, ווייל צו דיר איז געגעבן געוואָרן די בחירה, אויסצואוועהלן דעם גוטן וועג, ווייל בשעת ווען דער מענטש ווערט באַשאַפן, ברענגט מען אים פאַר דעם אויבערשטן און ער איז גוזר וואָס ער זאָל זיין, אַ חכם אָדער אַ טיפש, אָרעם אָדער רייך, אַ שטאַרקער אָדער אַ שוואַכער. אָבער אַ צדיק אָדער אַ רשע, דאָס זאָגט נישט דער אויבערשטער, נאָר דאָס איז אין דעם מענטשנ׳ס רשות, אָדער צו זיין אַ רשע ח״ו און זיך אַריינברענגען אין גיהנם, אָדער צו זיין אַ צדיק און אַריינגיין אין גן-עדן אין צרור החיים.

❖

## מסכת חיבוט הקבר
## פון ספר ראשית חכמה פי״ב בשם כמה ספרי ראשונים
## פרק א׳

**ווי** אַזוי שטאַרבט דער מענטש? עס קומען צו אים עטלעכע מלאכי השרת, איין מלאך איז פון די מלאכי השרת, אַ צווייטער מלאך איז פון די מלאכי המות, אַ דריטער מלאך וואָס שרייבט און אַ פערטער מלאך גייט מיט מיט אים, און ער זאָגט פאַר׳ן מענטש: שטיי אויף, עס איז געקומען דיין צייט צו שטאַרבן.

**גלייך** דערנאָך עפענט ער אויף זיינע אויגן און ער זעט אַ מלאך וואָס זיין לענג איז פון איין עק וועלט צום צווייטן, פון זיינע פיס ביז צו זיין גענאַק איז ער פול מיט אויגן, זיין קלייד איז פון פייער, אַזוי אויך איז ער אינגאַנצן אַ שטיק פייער, ער האַלט אַ מעסער אין זיין האַנט, און אַ ביטערע טראָפּן הענגט אויף דעם.

**פון** דעם דאָזיגן ביטערן טראָפּן שטאַרבט דער מענטש. פון דעם טראָפּן ווערט ער פאַרשטונקען. פון דעם טראָפּן ווערט זיין פנים געל, און דער מענטש שטאַרבט נישט ווי לאַנג ער זעט נישט כביכול דעם באַשעפער אַליין, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״כי לא יראני האדם וחי״, דער באַשעפער זאָגט, אַ מענטש האָט מיך נאָך נישט געזען און איז געבליבן לעבן. ביים לעבן קען מען מיך נישט זען, אָבער בשעת׳ן שטאַרבן זעען זיי מיך יא, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״לפניו יכרעו כל יורדי עפר״, פאַר׳ן באַשעפער בוקן זיך די אַלע וואָס גייען שטאַרבן.

**גלייך** טוט דער מענטש עדות זאָגן אויף זיך אַלעס וואָס ער האָט געטוהן אויף דער וועלט. ער זאָגט עדות און דער באַשעפער שרייבט דאָס אונטער, אויב ער איז אַ צדיק גיט ער איבער זיין זעל צום באַשעפער. אויב איז ער אַ גרויסער רשע שטעלט ער זיך קעגן און ער ווידערשפּעניגט. אויף דעם האָבן די חז״ל געזאָגט: אפילו בשעת דער

רשע שטאַרבט, שטאַרקט זיך זיין יצר הרע אויף אים. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, פונקט ווי ער איז האַרטנעקיג אויף די וועלט, דאָס זעלבע איז ער האַרטנעקיג בשעת׳ן שטאַרבן ווען ער ווערט געשטעלט צום דין, אַזוי ווי עס שטייט ״רשע יראה וכעס״. אויפ׳ן צדיק ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט שטייט ״הצדיק אבד״, אַז אפילו בשעת׳ן שטאַרבן איז ער אַ צדיק, און אויפ׳ן רשע שטייט ״ובליעל כקוץ״, דאָס שטאַרבן פון דעם רשע איז פאַר אים שווער אַזוי ווי אַ דאָרן, דאָס מיינט אַז אפילו בשעת ער שטאַרבט איז ער אויך אַ רשע.

## פרק ב׳

**מען** האָט געפרעגט ר׳ אליעזר, וויאַזוי משפט מען דעם מענטש אין קבר? האָט ר׳ אליעזר געענטפערט: ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט קומט דער מלאך המות און זעצט זיך אויף זיין קבר, און שלאָגט אים מיט זיין האַנט, און ער זאָגט אים, שטיי אויף און זאָג מיר דיין נאָמען. ענטפערט ער אים, דער באַשעפער פון דער וועלט ווייסט אַז איך קען נישט מיין נאָמען. גלייך בלאָזט דער מלאך אַריין אין זיין גוף אַ גייסט און אַ נשמה, און ער שטעלט אים אויף און ער באַשולדיגט אים ביים דין.

**ר׳ יהושע** בן לוי האָט געזאָגט: זיינע פיילן זענען פון פייער, און ער האָט אַן אייזערנע קייט אין זיין האַנט. נאָכ׳ן ערשטן קלאַפּ וואָס דער מענטש באַקומט ווערן זיינע גלידער צענומען, נאָכ׳ן צווייטן קלאַפּ ווערן זיינע ביינער צענומען, און עס קומען מלאכי השרת און קלויבן צוזאַמען די ביינער און שטעלן זיי אויף, און ער קלאַפּט אים אַ דריטן מאָל, און מען מאָנט פון אים אַ דין וחשבון, און מען משפט אים קעגן יעדע זאַך וואָס ער האָט שלעכט געטון.

**דעם** ערשטן און צווייטן טאָג משפט מען אים אויף דעם אויבנדערמאַנטן וועג, דעם דריטן טאָג משפט מען אים מיט שלעק. ער שלאָגט אים אויף די צוויי אויגן, ווייל ער האָט געזען וואָס

עס טויג נישט, ער שלאָגט אויף די צוויי אויערן ווייל ער האָט געהערט וואָס עס טויג נישט, אויף זיינע ליפן ווייל ער האָט גערעדט אומווערדיגע רייד, אויף זיין צונג ווייל ער האָט פאַלש עדות געזאָגט, אויף זיינע פיס ווייל ער האָט געפעדערט זיינע פיס צו אַן עבירה. פון דאָ האָבן די חכמים געזאָגט, דער וואָס פעדערט זיינע פיס צו אַן עבירה, פעדערט מען דעם יצר הרע, און דער וואָס רעדט אויף זיין חבר לשון הרע, דער וועט שטאַרבן מיט די קרענק וואָס הייסט "אסכרה".

## פרק ג׳

**ר׳ מאיר** האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אליעזר: עס איז שווערער דער דין פון קבר, וואָס דער באַשעפער משפט דעם מענטש בשעת ער איז אין קבר, דאָס הייסט גלייך נאָכ׳ן שטאַרבן, מער ווי דער דין פון גיהנום, ווייל דער דין פון גיהנום איז נאָר פאַר די וואָס זענען צוואנציג יאָר אַלט און העכער, אָבער דער דין פון קבר, דאָ״ט ווערט יעדער גע׳משפט אפילו צדיקים, אפילו פיצלעך קינדער, אַפילו זייגענדיגע קינדער, אָבער אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט: דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל און ער שטאַרבט ערב שבת זעט ער נישט דעם דין הקבר.

### וואָס זאָל דער מענטש טוהן אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון דין הקבר!

**ער** זאָל ליב האָבן גערעכטיקייט, ער זאָל ליב האָבן מוסר רייד, ער זאָל ליב האָבן צו טון גוטס מיט יענעם, אַריינגעמען געסט אין זיין הויז, ער זאָל דאַוונען מיט כוונה. אויב ער טוט אַזוי, איז אפילו אויב ער וואוינט אין חוץ לארץ, וועט ער נישט זען דעם דין הקבר, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ויאמר קראתי מצרה לי".

**בן עזאי** זאָגט, עס זענען פאַראַן דריי סאָרט דינים און יעד׳נר איינער איז אַליין, ר׳ עקיבא זאָגט, נישט אַלע דריי מ׳שפט מען פאַר׳ן באַשעפער, ווייל דעם דין הקבר און דעם דין גיהנום משפט מען

נישט פאר׳ן באַשעפער, נאָר דעם דין אויבן אין הימל משפט מען פאַר׳ן באַשעפער. אויב איז ער גאָרנישט פאַרשולדיגט באַפרייט מען אי׳ם גלייך, און אויב נישט, משפט מען אים אַ לאַנגן משפט.

## פרק ד׳

**ר׳ יוסי** האָט געזאָגט: גיב אַ קוק וואָס איז דער חילוק צווישן אַ מענטש און אַ בהמה. אַ בהמה לייַדט יסורים אויף די וועלט, מען שעכט איר, מען שינדט איר אָפּ די הויט, און דערנאָך האָט זי נישט קיין דין, אָבער אַ מענטש, וויפיל יסורים לייַדט דער מענטש אויף די וועלט, און ווען ער שטאַרבט, אויב ער איז אַ צדיק, פטר׳ט מען אי׳ם פון דין. אויב ער איז אַ גרויסער רשע, משפט מען אים מיט שווערע שטראָף.

**אונזערע** חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, בשעת דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט, נישט נאָר ער ווערט דערשראָקן פון דעם מלאך המות, וועלכער איז פול מיט אויגן און ער האַלט אויסגעשטרעקט אַ שווערד אין זיין האַנט, נאָר דער מלאך המות פרעגט אים: האָסטו עוסק געווען אין תורה און גמילות חסדים? האָסטו געמאַכט קעניגן דיין באַשעפער צופרי און ביינאַכט? ביסטו געגאַנגען מיט דיין חבר בנחת רוח?

**אויב** האָט ער די זאַכן, וואַרפט ער אריין דעם טראָפּ אין זיין מויל און זיין נשמה גייט אַרויס אָן צער, אַזוי ווי מען ציט אַרויס אַ פאָדים פון מילך. אויב ער האָט נישט די זאַכן, גייט זיין נשמה אַרויס פון אים אַזוי ווי מען דאַרף אַרויסרייסן די דערנער פון דעם וואָל, און ווען דער מלאך המות קומט צו דעם מענטש זאָגט ער אים, צדיק, דיין באַשעפער האָט מיך געשיקט צו דיר, און דער צדיק הויבט זיך אָן צו בעטן צו אים אַז עס איז נאָך נישט די צייט, זאָגט ער אים, יעצט איז די צייט און מען קען נישט וואַרטן, נאָר איך האָב געהערט אויבן אין הימל (פון אונטער

דעם פאָרהאַנג) אַז דער באַשעפער גרייט פאַר דיר אָן אַ פּלאַץ אין גן עדן.

## פרק ה׳

**בשעת׳ן** דין זאָגט דער באַשעפער צום מענטש: אַ גרויסע פּלאָג האָב איך געהאַט מיט דיר פון ווען איך האָב דיך באַשאַפן, און דו ביסט נישט געווען קיין נפל (געשטאָרבן פאַר׳ן געבוירן), און ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן האָב איך פאַר דיר צוגעגרייט שפּייז, און איך האָב דיך געראַטעוועט פון יסורים. האָסטו עוסק געווען אין תורה און גמילות חסדים פאַר מיינעטוועגן? אויב פאַרמאָגט ער די זאַכן פּטר׳ט מען אים פון דין, און אויב נישט, גיט מען אים איבער צו פיר מלאכי חבלה, קעגן די חמשה חומשי תורה. איינער שלאָגט, איינער ציילט, פונקט ווי מען שלאָגט אויף די וועלט ביי בית דין. דער דריטער גיט אַרויס אַ פייער פון זיך אַזוי ווי אַ קאַלך אויוון פון וואו עס גייט אַרויס אַ פייער. דער פערטער ברענגט ביטערע און זויערע גראָזן פון די בערג. טאָמער האָט ער גע׳גזל׳ט פון זיין חבר זאָגט ער אים, עס גיט דיינע ציין ווייל דו האָסט געגעסן גזל מיט דיינע ציין.

**דער** פינפטער שלאָגט זיין טאַטע און מאַמע און ער זאָגט זיי: פאַרוואָס האָט איר נישט אויסגעלערנט אייער זוהן צו לערנען תורה און ווי אַזוי צו טוהן מעשים טובים, כדי ער זאָל טוהן מצות און מעשים טובים און ער זאָל זיך אָפּשיידן פון שלעכטע מעשים, גלייך גיט מען אים רשות צו שלאָגן זיין טאַטע און מאַמע, און אויב זיי האָבן אים געלערנט און ער האָט נישט מקיים געווען, שלאָגט מען אים פאַר זייערע אויגן.

## מסכת גיהנום

## פרק א׳

**ר׳ יוחנן** האָט געזאָגט אויף דעם פסוק "עוברי בעמק הבכא מעין

ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה״, פון דאָ לערנען מיר אַרויס אַז דער רשע טוט תשובה אין גיהנום פונקט ווי דער מצורע טוט תשובה, און ער זאָגט אַזוי: איך, דער און דער, האָב עובר געווען די עבירה, אויף דעם פּלאַץ, אין דעם טאָג, פאַר יענעם, אין די קעגנוואַרט פון יענעם.

**דריי** טויערן זענען פאַראַן אין גיהנום, איינס אין ים, איינס אין מדבר, איינס אין אַ באַוואוינט אָרט, דאָס לערנט מען אַרויס פון פסוקים.

**פינף** סאָרט פייערן זענען פאַראַן אין גיהנום: עס זענען פאַראַן קוילן אַזוי גרויס ווי בערג און עס זענען פאַראַן קוילן גרויס ווי קליינע בערג, עס זענען פאַראַן קוילן אַזוי גרויס ווי דער ים המלח, און עס זענען פאַראַן ווי גרויסע שטיינער, עס זענען פאַראַן טייכן פון פעך און טייכן פון פולווער, פון וואו עס קומען אַרויס ברענענדיגע קוילן.

**דער** גזר דין פון דעם רשע איז: מלאכי חבלה שטויסן אים פאָראויס און אַנדערע נעמען אים איבער פון זיי און זיי שטויסן אים פאַר׳ן פייער פון גיהנום, און דער גיהנום מאַכט-אויף דעם מויל און שלינגט אים איין, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״לכן הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבלי חק וירד הדרה והמונה ושאונה ועלז בה״.

**דער** גיהנום מאַכט אויף דעם מויל, דאָס איז פאַר דעם וואָס פאַרמאָגט נישט איין מצוה וועלכע זאָל אים איבערוועגן צום גוטן, אָבער דער וואָס פאַרמאָגט תורה ומעשים טובים, און עס איז אויף אים געקומען פיל יסורים ביים לעבן דער ווערט באַהיט פון דין גיהנום, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״אפילו ווען איך וועל גיין אין קבר האָב זיך נישט מורא ווייל דיין שטעקן און דיין אונטערלענער איז מיט מיר״. ״דיין שטעקן״ מיינט מען די יסורים וואָס איך האָב געהאַט ביי מיין לעבן, ״דיין אונטערלענער״ מיינט מען די תורה וואָס איך האָב געלערנט.

## פרק ב׳

**ר׳ יוחנן** זאָגט: אויף די רשעים זאָגט דער פסוק: זייערע ווערים וועלן נישט שטאַרבן און זייער פייער וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אַמאָל בין איך געגאַנגען אויפ׳ן וועג, האָט מיך געטראָפן אליהו הנביא ז״ל און ער האָט צו מיר געזאָגט: ווילסט אַז איך זאָל דיך שטעלן ביים טויער פון גיהנום, האָב איך אים געזאָגט, יא, האָט ער מיר געוויזן מענטשן וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייער נאָז, מענטשן וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייערע הענט, מענטשן וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייער צונג, מענטשן וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייערע פיס, ער האָט מיר געוויזן פרויען וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייער ברוסט, ער האָט מיר געוויזן מענטש וואָס זענען אויפגעהאָנגען ביי זייערע אויגן, ער האָט מיר געוויזן מענטש וועמען מען גיט צו עסן זייער אייגן פלייש, מענטשן וועמען מען גיט צו עסן ברענענדיגע קוילן, מענטשן וועלכע זיצן לעבעדיגערהייט און די ווערים עסן פון זיי, און ער האָט מיר געזאָגט, די זענען אויף וועמען עס שטייט אין פסוק ״זייערע ווערים וועלן נישט שטאַרבן״. און ער האָט מיר געוויזן מענטשן וועמען מען גיט צו עסן דינע זאַמד, און מען האָט זיי עס געגעבן צו עסן געצוואונגענערהייט און זייערע ציין זענען געוואָרן צובראָכן. און דער באַשעפער האָט זיי געזאָגט: רשעים, ווען איר האָט געגעסן גזול איז עס געווען זיס אין אייער מויל, און יעצט האָט איר נישט קיין כוח צו עסן, און אויף דעם זאָגט דער פסוק ״די ציין פון די רשעים האָסטו צעבראָכן״, און ער האָט מיר געוויזן מענטשן וואָס מען וואַרפט זיי פון פייער צום שניי און פון שניי צום פייער, אַזוי ווי אַ פאַסטוך וואָס גייט מיט זיינע שעפעלעך פון איין באַרג צום צווייטן, און אויף זיי זאָגט דער פסוק ״כצאן לשאול שתי מות״.

## פרק ג׳

**מיר** האָבן געלערנט, דריי מענטשן גייען אַראָפּ אין גיהנום און קומען נישט אַרויף: דער וואָס קומט אויף אַן אשת איש, דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר ברבים, דער וואָס שווערט אין נאָמען פון באַשעפער אויף פאַלש, און עס זענען דאָ וואָס זאָגן: אויך דער וואָס איז זיך מתכבד מיט זיין חבר׳ס שאַנד און דער וואָס פאַרפירט אַ קריגעריי צווישן אַ מאַן און זיין פרוי.

**די** דאָזיגע מענטשן טראָגט מען יעדן ערב שבת צו צוויי בערג פון שניי און מען לאָזט זיי דאָרט, מוצאי שבת טראָגט מען זיי צוריק צו זייער פלאַץ, און אַ מלאך גייט ארויס און שטויסט זיי און טראָגט זיי צוריק צו זייער פלאץ אין גיהנום. טייל פון זיי נעמען שניי אונטער זייערע אָרעמס, כדי זיי אָפּצוקילן אין די זעקס-וואָכן טעג, און דער באַשעפער זאָגט צו זיי: רשעים, ווי איז צו אייך אַז אפילו אין גיהנום גזל׳ט איר, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק אַז אויך אין גיהנום זינדיגן זיי.

## פרק ד׳

**נאָך** יעדע צוועלף חדשים ווערן זיי אַש און דער ווינט צעבלאָזט זיי אונטער די פיס פון די צדיקים, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת רגלות הצדיקים״, די רשעים וועלן זיין אַש אונטער די פיס פון די צדיקים, און דערנאָך גייט די נשמה צוריק אַריין אין זיי און זיי גייען אַרויס פון גיהנום און זייער פנים איז שוואַרץ ווי די קויל פון אונטער׳ן טאָפּ, און זיי באַרעכטיגן אויף זיך דעם דין און זאָגן, דו האָסט אונז גוט גע׳משפט, דו האָסט גוט גוזר געוועזן אויף אונז, פאַר דעם באַשעפער איז דאָס גערעכטיגקייט און פאַר אונז איז די שאַנד.

**אָבער** די פעלקער פון דער וועלט, די וואָס דינען עבודה זרה, זיי איז מען דן אין זיבן פלעצער פון פייער, און אין יעדן פלאַץ צוועלף חדשים, און דער נהר דינור גייט אַראָפּ פון אונטערן כסא

הכבוד און גייט אַראָפּ אויף זיי, און עס גייט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן.

**זיבן** פייערן זענען דאָ אין גיהנום, און אין יעדע אָפּטיילונג זענען דאָ זעקס טויזענט הייזער, אין יעדן הויז זענען דאָ זעקס טויזנט פענסטערס, און אויף דעם האָט שלמה המלך געזאָגט ״ונקתי באחריתך״, און קיין איינער קען זיך נישט אַרויסדרייען, נאָר ווער עס האָט געלערנט תורה און געטוהן מעשים טובים.

**נאָך** דעם אַלעם האָט דער אויבערשטער רחמנות אויף זיינע באשעפענישן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״איך וועל נישט אויף אייביג קריגן, און נישט אויף אייביג וועל איך צערענען״.

## ספר הזוהר פרשת ויחי, דף רי״ז ע״ב

**אמר** ר׳ יוסי, ר׳ יוסי האָט געזאָגט, ווען עס דערנענטערן זיך די טעג פון מענטש צו שטאַרבן, רופט מען אויף אים אויס דרייסיג טעג פריער, אפילו די פייגל אין הימל רופן אויף אים אויס, אויב ער איז אַ צדיק רופט מען אויף אים אויס צווישן די צדיקים אין גן עדן. מיר האָבן געלערנט, אין די דרייסיג טעג גייט די נשמה אַרויס יעדע נאַכט און זי גייט אַרויף און זי זעט איר פּלאַץ אויף יענער וועלט, און דער מענטש ווייסט נישט פון דעם, אין די טעג געוועלטיגט ער שוין נישט אויף זיין נשמה אַזוי ווי פריער, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״דער מענטש געוועלטיגט נישט אין דעם רוח איינצוהאַלטן דעם רוח״, ר׳ יהודה האָט געזאָגט, ווען עס הויבן זיך אָן די דרייסיג טעג ווערט די צורה פון דעם מענטש פאַרשוואַרצט און זיין שאטן ווערט שוין נישט געזען.

(**זוהר** פרשת ויקרא, דף י״ג ע״ב) דער זוהר פירט אויס ״עד שיפוד היום״, איידער עס ווערט אַוועקגעבלאָזן די וועלט פון דעם מענטש (איידער עס קומט דער טאָג) זאָל ער זען תשובה צו טוהן.

**מיר** האָבן געלערנט: ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט,

באַקומט ער רשות צו זען, און ער זעט פאַר זיך זיינע קרובים און חברים פון יענער וועלט, און ער דערקענט זיי אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען אויף דער וועלט, אויב ער איז אַ צדיק פרייען זיך אַלע צו אים און זיי געבן אים שלום, און אויב ער איז נישט קיין צדיק זעט ער זיי נישט, ער זעט נאָר די רשעים ווי אַזוי מען שלאָגט זיי יעדן טאָג אין גיהנום, זוען זיי אַלע זענען טרויעריג און זיי שרייען, אוי, און ער הויבט-אויף זיינע אויגן און ער זעט זיי אַזוי ווי אַ פלאַם פון פייער, זוען ער שרייט אויך, אוי.

**נאָך** האָבן מיר געלערנט ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט, זיינע אַלע קרובים און חברים וואָס זענען אויף יענער וועלט גייען מיט זיין נשמה און זיי ווייזן אים דעם גן עדן מיט'ן גיהנום, אויב ער איז אַ צדיק זעט ער זיין פלאַץ, און באַזעצט זיך דאָרט. ער האָט ד'נם פאַרגעניגן פון יענער וועלט. אויב ער איז נישט קיין צדיק בלייבט די נשמה אויף דער וועלט ווי לאַנג דער גוף ווערט באַערדיגט אין דער ערד, און נאָכדעם טוען עטליכע מלאכים אָנכאַפּן די נשמה און מען ברענגט עס צום מלאך דומה און מען פירט עס אַריין אין גיהנום.

**ר׳ יהודה** האָט געזאָגט, אַלע זיבן טעג וואָס די משפחה זיצט שבעה גייט די נשמה פון זיין הויז צום קבר און פון קבר צום הויז און טרויערט אויפ'ן גוף, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל״, אז דער זעל טוט קלאָגן אויפ'ן גוף. די נשמה גייט צום הויז, זי זעט ווי אַלע זענען טרויעריג און זי טרויערט צוזאַמען מיט זיי.

**מיר** האָבן געלערנט, נאָך זיבן טעג געשעט מיט'ן גוף וואָס עס געשענט, און די נשמה גייט אויף איר פלאַץ, זי גייט אַריין אין דער מערת המכפלה.

(זוהר פרשת לך לך, דף ע״ח ע״ב) ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: וואויל איז פאַר די צדיקים וואָס גייען אין די וועגן פון באַשעפער מורא צו האָבן פון

אים און פון דעם יום הדין, וואָס דער מענטש איז אָנגעגרייט צו געבן אין אים אַ דין וחשבון. ר׳ אלעזר האָט ווייטער געזאָגט: עס שטייט אין פסוק ״ביד כל אדם יחתום לדעת כל אנשי מעשהו״ מיט זיי״ האַנט טוט דער מענטש אונטערשרייבן אויף אַלע זיינע מעשים.

**אין** דעם טאָג וואָס דער נפש דאַרף אַרויסגיין פון גוף באַקומט דער מענטש רשות צו זען אזעלכע זאַכן וואָס ער האָט ביז יעצט נישט געקענט זען, און ער זעט אלעס קלאָר, און דעמאָלטס שרייבן דריי מלאכים און זיי רעכענען אים אויס אַלעס וואָס ער האָט געטוהן אויף דער וועלט, און ער איז מודה מיט זיין מויל און ער שרייבט עס אונטער.

**דאָס** זאָגט דער פסוק, אַז יעדער מענטש טוט דאָס אונטערשרייבן, מען זאָל אים קענען משפט׳ן אויף יענער וועלט אויף די ערשטע און אויף די לעצטע עבירות, אויף די נייע און אויף די אַלטע. קיין זאך ווערט נישט פאַרגעסן, דאָס זאָגט דער פסוק אַז דורך דעם וואָס מען שרייבט אונטער וועט מען וויסן יעדן איינעמ׳ס מעשים, און פונקט ווי ער האָט געטוהן די אַלע מעשים ווען דער גוף און דער רוח זענען געווען אינאיינעם, דאָס זעלבע גיט ער אָפ דין וחשבון ווען זיער גוף מיט׳ן רוח זענען נאָך אינאיינעם איידער ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

**ר׳ אבא** האָט געזאָגט אויפ׳ן פסוק ״לדוד ברכי נפשי את ה׳ וכל קרבי את שם קדשו״, ווי שטאַרק דאַרף דער מענטש אַריינטראַכטן און וויסן די וועגן פון באַשעפער, וואָרים יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול און רופט אויס ״ווי לאַנג נאָך נאַראָנים, וועט איר ליב האָבן נאַרישקייטן״, קערט אייך צוריק ווילדע קינדער, איך וועל פאַרהיילן אייער ווילדקייט, און קיינער הערט זיך נישט צו, צו דעם קול.

**גיב** אַ קוק! אַ מענטש גייט אויף דער וועלט און ער מיינט אַז די וועלט איז זיינס אויף אייביג, אַז ער וועט דאָ בלייבן לדורי דורות, און ווי לאַנג ער גייט נאָך אויפ׳ן גאַס איז ער שוין געבונדן אין קייטן,

דאָס הייסט ער ווערט קראַנק און מען משפט אים צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן. אויב געפינט זיך פאַר אים אַ מלאך וואָס זאָל אויף אים זאָגן גוטס, ווערט ער געראַטעוועט פון דעם דין, און דאָס שטייט אין פסוק ״אויב איז פאַראַן איין מלאך וואָס זאָל זאָגן אויף אים גוטס, טוט ער אים אויסלייזן״.

**און** ווער איז דער מלאך וואָס זאָגט גוטס? דאָס זענען די מעשים טובים וועלכע שטייען פאַר אים צו זאָגן גוטס ווען ער דאַרף אנקומען צו זיי, און אויב טרעפט זיך נישט קיין מליץ טוב וואָס זאָל זאָגן גוטס אויף אים, ווערט ער פאַר׳משפט אַוועקצוגיין פון דער וועלט.

**דעמאָלטס** ווען ער ליגט געבונדן מיט דער שטריק פון קעניג (דער באַשעפער), הויבט ער אויף זיינע אויגן און ער זעט ווי עס קומען צו אים צוויי מלאכים וועלכע שרייבן פאַר אים אַלעס וואָס ער האָט געטאָן אויף דער וועלט און אַלע רייד וואָס ער האָט אַרויסגערעדט מיט׳ן מויל און ער גיט-אָפּ דין וחשבון, און זיי שרייבן פאַר אים. דאָס שטייט אין פסוק ״כי הנה בורא רוח ויוצר הרים ומגיד לאדם מה שיחו״, דער באַשעפער זאָגט איבער פאַר׳ן מענטש אַלעס וואָס ער האָט גערעדט, און דער מענטש איז מודה אויף דעם. פאַרוואָס איז ער מודה? ווייל דאָס וואָס ער האָט געטון גייט אַרויף און זאָגט עדות אויף אים, און זיינע אַלע מעשים שטייען אויבן עדות צו זאָגן אויף אים, און זיי גייען אַלע אַראָפּ און זענען פאַרשריבן פאַר אים, און זיי גייען נישט אַוועק פון אים ווי לאַנג מען משפט אים נישט.

**אַלע** זאַכן וואָס דער מענטש האָט געטון אויף די וועלט שטייען גרייט און ווערן נישט פאַרלוירן, און דעמאָלטס ווען מען טראָגט אים צו זיין קבר נעמען זיך אַלע צוזאַמען און זיי גייען פאַר אים, און דריי אויסרופן ווערן אויסגערופן פאַר אים, איינס פון פאַר אים, איינס פון די רעכטע זייט, איינס פון זיין לינקע זייט, און זיי רופן אויס, דאָס איז דער

יעניגער וואָס האָט ווידערגעשפעניגט אין זיין האַר, ער האָט ווידערגעשפעניגט אין דער תורה און אירע מצוות. קוקט אויף זיינע מעשים, קוקט אויף זיין רעדן וואָס ער האָט גערעדט, עס וואָלט בעסער געווען ווען ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן, און דאָס אַלעס זאָגן די מלאכים ביז מען קומט אָן צום בית הקברות. דעמאָלטס טוען אַלע מתים זיך אויפרעגן און זאָגן: ווי איז צו אונז אַז דער מענטש ווערט באַגראָבן צווישן אונז, און אַלע זיינע מעשים און אַלע זיינע רייד קומען מיט אים צום קבר און זיי שטייען אויפ׳ן גוף.

**וויבאַלד** דער מענטש ווערט צוגעדעקט אין זיין קבר קומט דער מלאך מיט׳ן נאָמען דומה און ער ברענגט מיט זיך דריי בתי דינים וואָס זענען געשטעלט אויפ׳ן קבר און זיי טוען משפט׳ן דעם מענטש, ווי איז צו דעם מענטש צוליב זיינע שלעכטע מעשים וואָס ער האָט געטוהן.

**דעמאָלטס** ווען ער איז אַרומגעכאַפּט מיט די שטריק פון דעם קעניג (דאָס הייסט, ווען ער איז קראַנק) און מען האָט אים גע׳משפט צום טויט ווייל מען האָט נישט געטראָפן קיין מלזך וואָס זאָל אויף אים זאָגן גוטס, דעמאָלטס גייט אַראָפּ דער וואָס איז געשטעלט פון דעם קעניג, (דאָס הייסט דער מלאך המות) און ער שטעלט זיך פאַר זיינע פיס, ער האָט אַ שאַרפע שווערד אין זיין האַנט. דער מענטש הויבט אויף זיינע אויגן און זעט ווי די ווענט פון זיין הויז זענען ווי אַ פלאַם (צוליב דעם מלאך המות), און דעמאָלטס זעט ער דעם מלאך המות פאַר אים, ער איז פול מיט אויגן, זיינע קליידער זענען אַ פלאַמעדיגער פייער און ער שטייט פאַר׳ן מענטש. כאָטש אַנדערע מענטשן וואָס שטייען דאָרט זעען אים אינגאַנצן נישט נאָר ער אליין, איז עס אָבער אַזוי, ווייל מיר זעען אַז אַ סאַך מענטשן זעען אַ מלאך אויף די גאַס און זיי שטייען פאַר אים און אַנדערע מענטשן זעען אים נישט, וכו׳.

**וויבאַלד** ער זעט אים ווערט דערציטערט זיין גאַנצער גוף און גייסט, און זיין האַרץ רוט נישט, ווייל דאָס האַרץ איז דער קעניג פון דעם גאַנצן קערפּער, און זיין רוח גייט אַרויס פון דעם גאַנצן קערפּער, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס געזעגנט זיך מיט זיין חבר צו גיין אויף אַן אַנדער פּלאַץ, דעמאָלטס זאָגט דער מענטש, וויי איז מיר אויף וואָס איך האָב געטוהן, און דעמאָלטס העלפט אים שוין גאָרנישט, נאָר אויב ער האָט פון פריער תשובה געטוהן פאַר אים איז געקומען די יעצטיגע צייט.

**דעמאָלטס** ציטערט דער מענטש זייער שטאַרק, און ער וויל זיך באַהאַלטן, נאָר ער קען נישט, ווען ער זעט אַז ער קען זיך נישט באַהאַלטן, עפנט ער אויף זיינע אויגן און ער מוז קוקן אויפ׳ן מלאך המות, און ער קוקט אויף אים מיט אָפענע אויגן, און דעמאָלטס גיט ער זיך איבער פאַר אים, און דעמאָלטס איז די צייט פון דעם גרויסן משפט וואָס אַ מענטש ווערט גע׳משפט אויף די וועלט, וכו׳.

**דער** מענטש גייט אַדורך עטליכע בתי דינים ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט. דאָס ערשטע, דער דין וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט ווען דער גייסט גייט אַרויס פון דעם גוף.

- דאָס צווייטע, ווען מען ברענגט אויף זיינע מעשים און זיינע דיבורים און מען רופט עס אויס אין הימל.
- דאָס דריטע, ווען מען לייגט אים אַריין אין קבר.
- דאָס פערטע, ווען ער איז אין קבר.
- דאָס פינפטע, דער דין פון די ווערים וואָס עסן אים אויף.
- דאָס זעקסטע, דער דין פון גיהנום.
- דאָס זיבעטע, דאָס וואָס דער גייסט דרייט זיך אויף די וועלט, און ער טרעפט נישט קיין רו ווי לאַנג ער טוט רעכטפאַרטיגן די

מעשים. דאָס זענען די זיבן צייטן וואָס גייען אַדורך אויף דעם מענטש.

**וועגן** דעם דאַרף דער מענטש, ווי לאַנג ער איז נאָך אויף דעו וועלט, מורא האָבן פון זיין האַר, און זיך אומקוקן יעדן טאָג אויף זיינע מעשים, און ער זאָל תשובה טוהן אויף זיינע שלעכטע מעשים.

**און** ווען דוד המלך ע״ה האָט געזען מיט רוח הקודש די דינים וואָס גייט דורך אויפ׳ן מענטש ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט, האָט ער געזאָגט דערויף ״ברכי נפשי את ה׳״ – מיין זעל, טו בענטשן דעם באַשעפער ווי לאַנג דו ביזט אויף די וועלט, איידער זי׳ גייסט אַוועק פון דער וועלט. ״וכל קרבי את שם קדשו״ = איר, מיינע גלידער, ווי לאַנג איר זענט נאָך באַהאַפטן מיט׳ן גייסט (דאָס הייסט, ווי לאַנג איר לעבט נאָך) טוט בענטשן דעם הייליגן באַשעפער, איידער עס קומט די צייט וואָס איר וועט מער נישט קענען אים לויבן.

## מדרש רות (ז״ח רות, דף ע״ט ע״א) הנעלם
## (מובא בספר ראשית חכמה פי״ג)

**זיבן** אפטיילונגען זענען דא אין גיהנום וואָס מען שטראָפט אין זיי: די ערשטע אָפטיילונג ווערט אָנגערופן ״גרוב״. דאָס איז די העכסטע אָפּטיילונג, דאָרט זענען פאַראַן עטליכע כתות פון מלאכי חבלה אַזוי ווי שלענג.

**דריי** מלאכים זענען געשטעלט אין גיהנום, און אַלע דויי זענען אונטער דעם מלאך דומה. די דריי זענען: משחית, אף, חימה = פאַרדאַרבער, צאָרן, גרימצארן, און אַלע איבריגע זענען געשטעלט אונטער זיי, און די אַלע מלאכים לויפן און קומען און זיי זענ׳נן דן דיני נפשות פון די רשעים, און די אַלע מלאכי חבלה שטורעמען אויף דעם גיהנום און זייער קול גייט ביז׳ן הימל, און די רשעים אין גיהנום שרייען, ווייי, ווייי, און קיינער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיי.

- די צווייטע אָפּטיילונג הייסט שחת. דאָרט איז אַ גרינער פייער. דאָרט איז זייער טונקל. דאָרט איז נישט פאַראַן קיין רחמנות.
- די דריטע אָפּטיילונג הייסט דומה.
- די פערטע הייסט טיט היון.
- די פיפטע הייסט שאול.
- די זעקסטע הייסט צלמות.
- די זיבעטע הייסט תחתית ארץ.

**אין** זוהר שטייט אַז עס איז דאָ אַ פלאַץ אין גיהנום וואָס ווערט אָנגערופן צואה-רותחת. דאָרט ווערן גע׳משפט די וואָס האָבן געזינדיגט און געמאַכט זינדיגן אַנדערע און די וואָס זענען מוציא זרע לבטלה.

**נאָך** זענען פאַראַן זיבן היכלות וואָס ווערן אויסגערעכנט אין זוהר:

דער ערשטער היכל הייסט בור, דער צווייטער דומה, דאָרט איז פאַראַן אַ ממונה מיט׳ן נאָמען פתו״ת, ער האָט אונטער זיך צענדליגער טויזענטער מלאכי חבלה, און ער איז געשטעלט איבערצורעדן מענטשן צו קוקן אויף ניאוף און זנות, און די אַלע מלאכים וואָס זענען מיט אים גייען פאַר די מענטשן אַז זיי זאָלן קוקן אויף די עבירה, און דער ממונה הייסט אויך סרסרי״ס וואָס דאָס מיינט צורעדן, און דער ממונה שטייט אויפ׳ן קבר דעמאָלטס ווען מען משפט דעם גוף און ער צוברעכט אים די אויגן, ווייל ער איז אים נאָכגעגאַנגען די אויגן, ווייל אַזוי איז די פירונג פון די קליפה צוצורעדן אונטן צו עבירות און אַרויפצוגיין אויבן אין הימל צו רעדן שלעכטס אויף דעם מענטש, און ער קומט צוריק אַראָפּ און ער נעמט צו די נשמה פון דעם מענטש, און אַלע עונשים וואָס

קומען דערנאָך איז ער דער וואָס נעמט נקמה פון דעם מענטש.

**אינעווייניג** פון דעם היכל זענען דאָ פיל שלענג און עגדיסן וועלכע בייסן די נשמה ווען זי קומט אַהין אַריין. אויף דעם היכל איז ממונה דער ממונה מיט׳ן נאָמען גמגומ״א, ער איז רויט ווי אַ רויז, און ער איז געשטעלט צו רעדן שלעכטס אויפן מענטש.

**ווען** דאָס דאַווענען פון דעם מענטש ווערט פאַרשטויסן פון דעם ערשטן היכל נעמט ער איבער די תפילה וואָס איז פאַרשטויסן און ער גייט מיט דעם ארויף ביז׳ן זיבעטן היכל פון דער קליפה. דאָרט ברענגט ער אויף די עבירות פון דעם מענטש, און אונטער אים זענען געשטעלט אַ סאַך מלאכי חבלה וועלכע זענען געשטעלט צו נעמען די אַלע מיאוס׳ע רייד וואָס דער מענטש האָט גערעדט מיט זיין מויל, און ווען דער מענטש זאָגט מיט זיין מויל דברי קדושה אַזוי ווי לערנען און דאַווענען, טוען זיי מטמא זיין די הייליגע דיבורים מיט די טמא׳נע רייד וואָס ער האָט פריער אַרויסגערעדט מיט זיין מויל, דעמאָלט ווערט אָפּגעשוואַכט דער כח הקדושה, דעמאָלטס איז ווי פאַר אים און ווי פאַר זיין נפש.

### ספר הישר לרבינו תם, שער י״ז

**מיין** האַרץ, מיין האַרץ, דו ווייסט דאָך אַז דו ביזט נישט געבוירן נאָר אויף צו שטאַרבן, פאַרוואָס געדענקסטו נישט דיין סוף?

**דו** דאַרפסט וויסן, אַז אַלע טעג וואָס דו לעבסט אויף די וועלט גייען אַדורך אַזוי ווי אַ שאָטן וואָס גייט פאַרביי, און אַזוי ווי אַ שטרוי וואָס ווערט אויסגעשאָקלט פון אַ הויפן תבואה, און אַזוי ווי דער וואָלקן וואָס גייט אַרויס פון קוימען. דיינע טעג לויפן שנעל אַדורך, און דיין לעבן איז קורץ. מיט יעדן טאָג וואָס גייט אַדורך פעל׳ט אַ טייל פון דיין לעבן. יעדן טאָג ווערסטו נענטער צום קבר וואו אַהין דו וועסט פליען אָן פליגל. פאַרוואָס געדענקסטו נישט אַז דו קומסט פון ערד און פון דעם ביזטו באַשאַפן געוואָרן? אויף ווען פאַרלאָזטו זיך ווען דו טוסט ווידערשפעניגן דעם באַשעפער? פאַרוואָס איילסטו זיך און דו

נעמסט נישט צום האַרצן דעם ביטערן טאָג? דער טאָג וואָס דיין קלוגשאַפט וועט פאַרשטונקען ווערן און דיינע עצות וועלן פאַרלוירן ווערן. דער טאָג ווען דו וועסט מער נישט קענען רעדן, דער טאָג וואָס מען וועט דיך טראָגן, אויפ׳ן אַקסל וועט מען דיר שלעפן, אונטער דע־ערד וועט מען דיך אַריינוואַרפן, און אויף אַלע דיינע מעשים וועט מען אָפּנעמען דין וחשבון, און ווי שטויב וועסטו צושטויסן ווערן. דיין פייער וועט נישט פאַרלאָשן ווערן.

**עס** איז דער טאָג ווען מען וועט דיר ווייזן אַ פּינקטליכע רעכענונג אויף דיינע מעשים. דער ספר איז אָפען, אַ ריכטיגע וואָגשאָל, און דער גיפטיגער טראָפּן איז אין האַנט פון באַשעפער. דאָרט וועסטו ציטערן, וואָס וועסטו ענטפערן אויף דיינע עבירות, דעמאָלטס וועסטו דאָך זען די פרוכט פון דיינע מעשים און דו וועסט באַקומען דיין באַלוינונג.

**אויב** דו וואָלסט געשטאָרבן ווי אַ בהמה און נישט געדאַרפט אָפּגעבן דין וחשבון, וואָלסטו זיך געדאַרפט פרייען מיט דיין שטאַרבן, נאָר דער אמת איז אַז דו וועסט גיין אויף אַ פּלאַץ וואָס איז ערגער ווי דאָס שטאַרבן, אַ פּלאַץ פון טונקלקייט. דאָרט וועט פאַלן אויף דיר אַ שרעק און עס וועט דיך באַדעקן אַ שאַנד. דיין קלייד וועט זיין ווערים, אויף דיין קערפּער וועט אַרויפגעגאָסן ווערן שוועבל. עס וועט פון דיר גאָרנישט בלייבן.

**יענער** טאָג איז דאָך שרעקלעך, אַ טאָג פון וואָס מען קען זיך נישט אויסלייזן, אַ ביטערער טאָג פון געוויין און טרויער, אַ טאָג פון ציטער און געשריי, אַ טאָג פון וויסטקייט, אַ טאָג וואָס דער באַשעפער וועט אויף אים צאָרענען, און עס וועט צעגאָסן ווערן ווי פייער זיין צאָרן, אַ טאָג ווען עס וועלן זיך פאַרמערן די ווייטאָגן. אין דעם טאָג וועט מען זיך בענקען נאָך די קינדער, אין דעם טאָג וועט מען פאַרליון

אַלע פאַרמעגגנס. אין דעם טאָג וועט די נשמה אַרויסגיין און דער גוף וועט בלייבן פול מיט פאַרשעמונג. ער וועט ליגן ווי אַ שטומער שטיין.

**מענטש!** צו וועמען וועסטו דעמאָלטס לויפן נאָך הילף, ווער וועט דיר דעמאָלטס זיין אַ באַשיצער? דעמאָלטס וועסטו דאָך זאָגן, ווייי איז מיר, וואָס האָב איך געטון, פאַרוואָס האָב איך דעם באַשעפער׳ס ווערטער פאַרשעמט און נאָך די גלוסטונג פון מיין האַרץ בין איך נאָכגעגאַנגען. דו וועסט זאָגן, מיט וואָס קען איך מיך צודעקן, איך בין דאָך נאַקעט אָן מצוות.

**וועגן** דעם באַציר דיך, און שעם זיך מיט דיינע זינד, און גיב אָפּ אַ דאַנק פאַר׳ן באַשעפער ווי לאַנג דו לעבסט נאָך, איידער עס ווערן פאַרפינצטערט די שטערנס פון פאַר דיינע אויגן. טו תשובה איין טאָג פאַר דיין שטאַרבן, האַלט אָן אין מוסר רייד, און לאָז נישט נאָך, היט עס ווייל דאָס איז דיין לעבן.

## תוכחת מוסר פון רבינו בחיי החסיד
## (בסוף ספר חובת הלבבות)

**מיין** זעל, וועק דיר אויף פון דיין שלאָף און טראַכט אַריין פון וואו ביזטו געקומען און וואוהין וועסטו גיין, מיין זעל, פון דיין שלאָף וועק זיך אויף און פאַר דיין באַשעפער זינג אַ ליד, און פון אים זאָלסטו זיך פאַרכטן אין יעדן פלאַץ וואו דו וואוינסט.

**מיין** זעל, דו זאָלסט זיך נישט פירן ווי אַן אייזל וואָס האָט נישט קיין שכל, ווי אַ שיכור וועלכער שלאָפט, ווי אַ פאַרוואונדערטער מענטש, וואָרים פול מיט שכל ביסטו באַשאַפן געוואָרן, און פון קוואַל פון קלוגשאַפט ביסטו גענומען געוואָרן, און פון אַ הייליגן פלאַץ ביסטו געברענגט געוואָרן, און פון אַ שטאָט פון שטאַרקע ביסטו אויף דער וועלט געברענגט געוואָרן, פון באַשעפער אין הימל.

**מיין** זעל, טו דיך אָנקליידן מיט שכל, און גאַרטל דיך אָן מיט פאַרשטאַנד, און ראַטעווע דיין זעל פון די נאַרישקייטן וואָס דיין

קערפּער וויל דיר איינרעדן, און דיין הארץ זאָל דיר נישט איינרעדן נאָכצוגיין די זיסקייט פון זיינע גלוסטונגען, און ער זאָל דיך נישט אָנרעדן צו זיינע תאוות, וואָס זענען פאַרמיאוס׳ט און זיי צעגייען ווי וואַסער, און דו דאַרפסט געדענקען אַז די אַלע תאוות, העלפן גאָרנישט דעם מענטש אין אָנהויב, נאָר זיי ברענגען פאַרשעמונג פאַר׳ן מענטש צום סוף.

**מיין** זעל, שפּאַציר אין די גאַסן פון דיין פאַרשטאַנד, דריי זיך אַרום אין די צימערן פון דיין קלוגשאַפט, און טראַכט אַריין איבער דעם געבוי פון דיין קערפּער וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן פון ערד, ווייל ער איז דאָך נישט מער ווי אַ פאַר׳מיאוס׳טער גוף, זיין אויספאָרמירונג איז פון אַ פאַרשטונקענע טראָפּ. פאַר זיין געבוירן ווערן ליגט ער איז אַ שמוציגן פלאַץ, ער ווערט געבוירן מיט שווערקייטן, צו זען אויף די וועלט פלאָג און נאַרישקייטן. אַ גאַנצן טאָג גלוסט ער גלוסטונגען, און ער אַנטלויפט פון מוסר און פון מצוות, פון טונקלקייט קומט ער און צו טונקלקייט וועט ער גיין. ביים לעבן איז ער ערד און ביים שטאַרבן אַש. ביים לעבן דרייען זיך אַרום אים די ווערים, און ביי זיין שטאַרבן וועלן אים באַדעקן ווערים מיט שטיקערערד.

**וועגן** דעם, מיין זעל, געוועלטיג דו אויפ׳ן קערפּער, און גיי נישט נאָך די גלוסטונגען פון דיין האַרץ. דו זאָלסט זיך נישט לאָזן געשטרויכלט ווערן מיט זיינע עצות, דו זאָלסט פאַרמיאוס׳ן זיינע פעלשערייען.

**מיין** זעל, קוק זיך אום אויפ׳ן וועג וואָס דו גייסט, ווייל יעדער איינ׳נער איז באַשאַפן פון ערד, און צו ערד וועט ער גיין, און צו יעדע באַשעפעניש איז פאַראַן אַן ענדע, צוריקצוקערן זיך צו די ערד פון וואו די איז געגומען געוואָרן.

**דאָס** לעבן און דער טויט זענען ברידער, זיי זיצן אינאיינעם און ווי

זענען צוגעקלעבט. זיי זענען ווי צוויי עקן פון אַ שאָקלדיגע בויק, וואו אַלע וועלט באַשעפענישן מוזן אַריבערגיין. ביים געבוירן ווערן גייט מען אויף דעם אַרויף און ביים שטאַרבן גייט מען פון דעם אַראָפּ. ביים לעבן בויט מען און ביים שטאַרבן ווערט דאָס צעוואָרפן. ביים לעבן זייט מען אָן און ביים שטאַרבן שניידט מען דאָך אָפּ.

**און** דו זאָלסט וויסן און געדענקען אַז אויך אויף דיר וועט דאָס זעלבע אַריבערגיין, ווען דו וועסט פון דיין האָטעל צימער אַרויסגיין, ווען עס וועט דיר טרעפן די שלעכטע צייט און דו וועסט דיך צוריקקערן צו די וועלט פון וואו דו ביסט געקומען.

**יענעם** טאָג וועסטו זיך אפּרעכענען מיט דיינע מעשים, זיי וועסט באַקומען דיין באַלוינונג אַנטקעגן דיין ווערק וואָס זיי האָסט זיך געפּלאָגט אויף דער וועלט, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן (ח״ו).

**וועגן** דעם בעט איך דיך, הער מיך אויס און קוק דיך אום, און לייג צו דיין אויער. גרייט דיר צו פיל שפּייז ווי לאַנג דו לעבסט און דו קענסט עס נאָך טוהן, ווייל דער וועג צו גיין איז זייער ווייט, און דו זאָלסט נישט זאָגן ״מאָרגן וועל איך נעמען שפּייז״, ווייל דער טאָג גייט אַדורך, און דו קענסט נישט וויסן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. און דו זאָלסט וויסן אַז דער נעכטן וועט מער קיינמאָל זיך נישט צוריקקערן, און אַלעס וואָס דו האָסט אין דעם געטוהן ווערט געוואויגן און געציילט און עס איז חשוב, און דו זאָלסט נישט זאָגן ״מאָרגן וועל איך טון״, ווייל דער טאָג פון שטאַרבן איז פאַרהוילן פון יעדן מענטשן.

**אייל** זיך צו צו טוהן יעדן טאָג וואָס דו דאַרפסט טוהן, ווייל דער טויט קען צו יעדע צייט שיקן זיינע פיילן, דו זאָלסט זיך נישט פאַרזוימען פון צו טוהן יעדן טאָג וואָס דו דאַרפסט, ווייל ווי אַ פויגל וואָס וואַנדערט אַוועק פון איר נעסט, אַזוי קען דער מענטש אַוועקוואַנדערן פון זיין פּלאַץ.

**און** דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז נאָך דעם ווי דו וועסט אַרויסגיין פון דיין גוף וועסטו תשובה טוהן, ווייל דעמאָלטס וועט מען שוין נישט קענען טוהן נישט גוטס און נישט שלעכטס, און דעמאָלטס וועט שוין נישט העלפן דאָס תשובה טוהן, ווייל יענע וועלט איז אָנגעגרייט נאָר אויף אָפּצוגעבן דין וחשבון, און יעדן איינעמס ספר, וואָס איז מיט זיין אונטערשריפט אונטערגעשריבן, איז דאָרט באַהאַלטן, און עס איז אָנגעגרייט צו באַצאָלן אַ גוטע באַלוינונג פאַר די ערליכע אידן וועלכע טוען דעם ווילן פון באַשעפער, און צו באַשטראָפן די וואָס פאַרגעסן פון באַשעפער, די וועלכע זאָגן פאַר'ן באַשעפער "גיי אַוועק פון אונז, מיר ווילן נישט וויסן פון דיין נאָמען, וואָס וועט אונז העלפן אַז מיר וועלן דינען דעם באַשעפער און וואָס וועט אונז העלפן אַז מיר וועלן אים בעטן".

**מיין** זעל, אויב דו האָסט זיך געקלוגט, האָסטו דאָס געטוהן פאַר דיינעט וועגן, און אויב דו האָסט אָפּגעלאַכט וועט דיין עבירה זיין דיינע. הער אויס מוסר-רייד און האַנדל מיט חכמה. דו זאָלסט שטענדיג געדענקען די רייד פון קהלת פון שלמה המלך בן דוד: "סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם, כי את כל מעשה האלקים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע" – "דער ענדציל איז, אַלעס וואָס דו טוסט ווערט געהערט, דעם באַשעפער זאָלסטו פאָרכטן, זיינע מצוות זאָלסטו אָפּהיטן, ווייל צוליב דעם איז באַשאַפן געוואָרן דער גאַנצער מענטש, ווייל אַלע מעשים פון דעם מענטש וועט דער אויבערשטער ברענגען צום משפט אויף יעדע פאַרבאָרגענע זאַך, סיי אַ גוטע זאַך און סיי אַ שלעכטע זאַך".

**און** דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אַז מיט די אייגענע האַנטשריפט טוט מען אונטערשרייבן די אייגענע מעשים, און דו זאָלסט געדענקען, עס איז נישט פאַראַן די סאָרט פינצטערניש וואו עס זאָלן זיך דאָרט קענען באַהאַלטן די וואָס טוען שלעכטס.

**זוך** נאָך דיין באַשעפער וואָס האָט דיך באַשאַפן מיט דיין גאַנצן כח. זוך נאָך גערעכטיקייט, זוך נאָך דאָס קליינהאַלטן זיך. מעגליך אַז דורך דעם וועסטו דיך באַשיצן אין דעם טאָג ווען דער באַשעפער וועט צערענען. דעמאָלטס וועסטו שיינען ווי די שיין פון די זון און ווי די לויטערקייט פון הימל.

**און** יעצט, שטיי אויף און בעט דיין באַשעפער, און זינג פאַר אים, לויב אים ווייל עס איז גוט אים צו לויבן, עס איז גוט פאַר אים צו זינגען.